ספר

# טוב ירושלים

בעשרייבונג פון
ארץ ישראל

מיט מפות און בילדער

פון

אשר אנשיל גרינוואלד

אונגוואר

תרצ"ד לפ"ק

# טוב ירושלים

## בעשרייבונג פון ארץ ישראל

אללע היילינע שטערט אין ערטער, מקומות הקדושים, אין קברי הצדיקים, מיט מפות אין בילדער, אויך איין איבערבליק איבער דעם היינטיגען מצב פון לאנד, איבער דער מאסען־עליה און איהרע געגנער


פון

**אשר אנשיל גרינוואלד**

בעהמ״ח ס׳ מטה אשר על שמ״ח, זוכר הברית, נר מצוה, קיצור נחלת שבעה.

אונגוואר



בערעגסאס תרצ״ד לפ״ק

BUCHDRUCKEREI SAMUEL KLEIN BEREHOVO. ČSR.

— 1934 —

נאכדרוק אָהנע ערלויבניס פון פערפאססער איז פערבאָטען.

# TÜW JERUSOLAJIM

BESCHREIBUNG VON EREZ ISRAEL (PALÄSTINA)

ZU HABEN BEIM VERFASSER

אדרעססע צום פערפאססער

**ANT. GRÜNWALD**

UŽHOROD Č. S. R.

RADVANSKA 36.

**טוב ירושלים** אויף לשון הקדש שפראכע איז אויך ערשיענען אין
זעלבער אויספיהרונג, צו בעקאממען ביים פערפאססער אויף
אבעריגער אדרעססע.

# פאָרוואָרט

**יברכך ה' מציון וראה ב„טוב ירושלים"
כל ימי חייך, תהלים קכ"ח.**

דוד המלך עליו השלום זאגט אשרי כל ירא ה' ההולך בדרכיו, וויא וואול איז דעם מענשען דער פארכט זיך פאר השי"ת און גייט אין זיינע וועגען, ווען דוא עסט פון באמיהינג פון דיינע הענד, נאטירליך אלס פארכטיגער פון השי"ת, אשריך וטוב לך וואול איז דיר אויף דער וועלט און וואול אויף יענער וועלט, און רעכנט אויס גוטע ברכות וואס פאר דיא דאזיגע מענשען געביהרט, און שליעסט מיט אַבעז ערוועהנטען פסוק, וואס בעדייטעט השי"י זאלל דיך בענשען פון ציון און זאללסט זעהען דאס גוטס פון ירושלים, אייגענטליך העט ער געזאללט זאגען »ותראה« בטוב ירושלים דאס הייסט איין אויסדרוק פון איין ברכה דוא ווערסט זעהן דאס גוטס פון ירושלים, אזוי אבער דאס ער זאגט »וראה«, דאס איז איין אויסדרוק פון בעפעהל דוא זאללסט זעהן דאס גוטס פון ירושלים, דא נייטיגט זיך איין פשט. עס לאסט זיך ערקלערען אין קורצען דעראַרט, עס איזט בעקאננט פון ספרים הקדושים, דאס דוא שפע וואס הקדוש ברוך הוא שיקט פאר דער וועלט בכלל און פאר יודען בפרט קומט דורך ארץ ישראל, דאָרט איז דער שער השמים, דער טויער וואָס דאס הימלישע איז מיט דעם אירדישען פארבינדען דא ארום גייען אללע יודישע תפילות ארויף און שפע קומט דא ארים ארונטער, וויא דער נביא (מלכים א' ה' מ"ח) זאגט והתפללו אליך דרך ארצם, יודען וועררען בעטען צו דיר דורך זייער לאנד ארץ ישראל, הגאון רבי יעקב עמדין ז"ל אין דער הקדמה צום סידור שרייבט באריכות דאס דיא תפלות פון אייד יוד ווערדען נור דאמאלס אנגענומען ווען ער מאכט בייא זיך א פעסטען ענטשלוס צו גיין וואונען קיין ארץ ישראל, אפילו ער בלייבט צוריק מחמת עס איז איהם דורכאויס ניש מעגלעך, הוערדען זיינע תפלות נתקבל, ווער עס דענקט אבער איבערהויפט ניש פון ארץ ישראל קען ער קיין אנשפרוך ניש האבען זיינע תפלות זאָללען אנגענומען ווערען, זעהע דאָרט גאַנץ באריכות, נור אבער בלויס מיט מחשבות האט גאר קיין ווערט, מען מוס אויך מיט דער טאַטה טראכטען פאַר ירושלים, ווען עס איז ניש מעגליך צו וואונען אין ירושלים אדער ארץ ישראל, זאל טראכטען פון גלות ארויס פאַר דעם גוט ערגעהען פון א"י און ירושלים, דער האַט א בארעכטיגען אנשפרוך השי"ת זאלל איהם שיקקען שפע ברכה והצלחה וואס קומט וויא געזאָגט דורך ירושלים, דאס דאזיגע שטייט אין דיא פסוקים וואס אינזערע ווערטער הייבען זיך אן, נעמליך נאך דעם וויא דוד המלך שילדערט דאס גוטס פון א גאטעספורטיגען וואס געהט אין גאָטס וועגען וואָס השי"ת ווירד איהם געבען עולם הזה מיט עולם הבא, דערצו בניך כשתילי זיתים עהרליכע גוטע קינדער, זאגט ער יברכך ה' מציון, זאללסט וויסען זיין דאס דיא ברכה קומט נור פון ארץ ישראל פון ציון וירושלים, דאדורך

מוסט

# פאָרוואָרט

מוסט אויף דיר נעמען דיא פליכט »וראה בטוב ירושלים« דוא זאָללסט מיט אללע דיינע כוחות טראכטען פאר דעם גוט ערגעהען פון ירושלים וואס איז געמיינט ארץ ישראל, אללע מיני טובות וואס דאס הייליגע לאנד ברויך מוסט דוא טראַכטען צו בעזאָרגען דערביי זאגט ער היינער, מוסט טראכטען דאס יודישקייט זאלל דערהאלטען ווערען אין לאנד דאס איז געמיינט מיט דיא ווערטער »ראה בנים לבניך« דוא זאָללסט טראכטען דיינע קינדער זאללען קינדער האבען דאס הייסט אז זייא זאָללען ווירדיג זיין אנגערופען צו ווערען קינדער, דען ווען קינדער פערלאָזען דיא וועגען פון דיא אָבות הייסען זייא קיינע קינדער, אזוי וועט זיין שלום על ישראל, פריעדען צווישען יודישע קינדער.

עס איז אימער געוועזן צווישען יודען א זאָלכע וואס האבען משתוקק געווען צו זיין אין ארץ ישראל זיא האבען זיך ערנעהרט פון ארבייט אין מסחר אין טייל זענען געזעסען געלערנט תורה איז זענען אונטערשטיצט געווארען פון זייערע ברידער פון דיא גלות לענדער, דיא יעניגע וואס האבען געהאבט א געפיעל פאר ארץ ישראל האבען א הין געשיקט זייערע מילדע נדבות פאר וועלכע עס איז געבויעט דיא פערשיעדענע וואָלטעטיגקייטס מוסדות, תלמוד תורות, ישיבות, סתם וואוינונגען, מושב זקנים, בית יתומים, שפיטעלער פאר קראנקע ל״ע, בתי מדרשים, לענאטען, עס איז שאן קרוב צו הונדערט יאהר וואס האט זיך בענייעט דער געדאנק צו קויפען באָדען אין ארץ ישראל צו וועלכען עס האבען צוגעהאלפען דיא יודישע מאגנאטען וויא מאָנטיפיירע ראטשילד אין נאך אַנדערע, עס זענען געבויעט געווארען יודישע קאלאניען וויא א סך יודען האבען עקסיסטירט, יאהר תרנ״ז אין דער רעיון דורך דיא ציונים פערשטארקט געוואָרען מיט מאָדערניזירונג אויף יסודות וואס זענען ניש על פי תורה, דיא עליה קיין ארץ ישראל איז פערגרעסערט געווארען מען האט געקויפט פיעל באדען אין אויסגעבויעט ישובים, סתם עהרליכע יודען זענען וויטער געפאהרען קיין ארץ ישראל וויא פריהער, לעצטערע צייטען האט זיך געמאכט א שטרעמונג קיין ארץ ישראל אומגעהייער גרויס, יעדער וויל פאהרען קיין ארץ ישראל, ניש ווייל יעדער וויל אין ארץ ישראל זיין נור ווייל ער וויל ניש אין חוץ לארץ זיין דיא לאגע איז איבעראלל קריטיש, און אין ארץ ישראל זאגט מען אז עס 'איז זייער גוט, לאז זיין ארץ ישראל, נאָר זיך דיא לאגע צו פערבעסערן, מאן קומט אין הייליגען לאנד אין מאן פערגעססט גאר אז דאס איז ארץ ישראל דאס הייסט דאָס לאַנד פון יודען דאָ מוס מען א יוד זיין, דאס מיינט מען ניש אַ נאציאנאלער יוד נור א תורה ייד, טאָמער האלט מען זיך ניש צו דעם האט מען שוין פערשטויסען דעם »וראה בטוב ירושלים«, ירושלים ארץ ישראל פיהלט זיך נור דאמאלט גוט ווען מען האלט דיא תורה, כי מציון תצא תורה ודבר ד׳ מירושלים, נאך אונצעהליגע פסוקים זאגען דאס ארויס, אלזאָ אז מיר וויללען הקב״ה זאלל אונס משפיע זיין ברכה והצלחה וואס קומט דורך ארץ ישראל אזוי וויא עס שטייט יברכך ה׳ מציון מוזען מיר מקיים זיין »וראה בטוב ירושלים« מיר מוזען ארץ ישראל צופריעדען שטעללען, ווען מיר זענען אין חוץ לארץ מוזען מיר מחזיק זיין דיא תלמידי חכמים פון ארץ ישראל, אין אנדערע מוסדות, ווען מיר גייען קיין ארץ ישראל זאָללען

מיר

# פאָרוואָרט

מיר חלילה ניש מבזה זיין דעם כבוד פין ארץ ישראל אזוי האבען מיר צו האפפען אז מיר וועלען געניססען דיא השפעה פון ארץ ישראל און אונזערע שונאים וועלען אונס חלילה קיין שלעכטס טוהן, דער שר פון ארץ ישראל איז הקב"ה אליין, און אז מיר וועלען האלטען זיין תורה וועט ער זיין אונזער בעשיצער.

ירושלים« אום הוא
איך האב דארום מחבר געווען דיזעס קליינע ספר »טוב
אינוויססענדע צו ערקלערען וואס ארץ ישראל אין ירושלים איז, דא השם יתברך האט מיר געשענקט דיא זכיה פאָריגעס יאהר צו זיין אין ארץ ישראל, מתפלל צו זיין אויף פיעל מקומות הקדושים, אין דעם ספר ווערט ערקלערט אללע מקומות הקדושים פון א"י, קורצע מפות פון ארץ ישראל אין ירושלים אין בילדער פון הייליגע און היסטארישע ערטער, און וואס דער עיקר איז דאס דאס איזט א לאנד פון הייליגקייט ווא אינזערע אָבות, אונזערע מלכים, אונזערע נביאים, אונזערע אנשי כנסת הגדולה, אונזערע תנאים ואמוראים און אנדערע צדיקים האבען געווירקט, מיר זאללען זיך ניש לאסען פון דיא נאציאָנאלע שטרעמונגען אהינרייסען, מיר זעהען שאָן צו וואס זייער אבטריניגקייט פון דער תורה האט צוגעפיהרט, פיעל פון זייא האבען שאן חרטה אויף זייערע מעשים, עס איז פאר אונס א מוסר השכל מיר זאללען זיך האלטען צו דער תורה צום עץ חיים, וועט מקויים ווערען יברכך ה' מציון וראה בטוב ירושלים כל ימי חייך דאס לעבען וואס איז על פי התורה איז איין לעבען, בונה ירושלים ד' נדחי ישראל יכנס בב"א.

אוזהאראד-אונגוואר, בחדש תמוז תרצ"ד.

**אשר אנשיל גרינוואלד**
בעהמ"ח מטה אשר, זוכר הברית
נר מצוה, קיצור נחלת שבעה.
שו"ב דקה"י אונגוואר יע"א.

## טוב ירושלים

# קאפיטעל א

## ארץ ישראל

**א.** ארץ ישראל איז איין הייליג לאנד עס הייסט ארץ הקדושה עס האט נאך פערשיעדענע נעהמען לויט איהרע מעלות ארץ חמדה, נחלת צבי, ארץ החיים, דאס איז דאס לאנד וואס דער באשעפער האט צו געזאגט פיר אונזערע עלטערן עס אונס צו געבען, ער האט זיין פערשפרעכען געהאלטען, מיר זענען געזעסין אין דעם לאנד וואס פליעסט האניג און מילעך, נור וייל מיר האבען געזונדיגט זענען מיר פערטריבען געווארען פון דעם דאזיגען לאנד און פערשפרייט געווארען אין דיא פיער עקען פון דער וועלט, און דאס בית המקדש איז דורך אינזערע שולד חרוב געווארען, נור אבער דאס הייליגקייט פון לאנד בעשטייט נאך היינט אויך, איבערהויפט פון דער שטאדט ירושלים איז גור ניט געמינערט דיא קדושה, דיא הערצער פון אללע יודען זענען שטארק געקניפט צום הייליגען לאנד און צו דער הייליגער שטאדט ירושלים, און יעדער גליסט זיא צו בעזעצען אפילו זיא איז חרוב, און האפט זיא צו זעהען איפגעבויעט אויף איהר ריכטיגקייט אין דיא צייטען פון אינזער משיח במהרה בימינו, און ניט נור יודען ליעבען ארץ ישראל נור אפילו דיא אנדערע פעלקער האבען אויך גליסטונג צו דעם לאנד, וויא אונזערע הייליגע חכמים זאגען (שמות רבה פ׳ ל״ב שוח״ט ה׳ ועוד) דאס עס הייסט דאדורך ארץ צבי איין גליסטיג לאנד יעדער גליסט עס, יעדער קעניג וואס האט פארמעגען אין חוץ לארץ, און אין ארץ ישראל האט ער ניט ווערט ניט גערופען מלך.

**ב.** דיא גרענצען פון לאנד זענען דיא דאזיגע וואס הקב״ה האט אנגעוויזען פאר אברהם אבינו וויא אין דער תורה שטייט, לויט וויא עס איזט אויף דיא מפה בעצייכנעט איז דיא לענג פון צפון צו דרום 445 קילאמעטער דער באדען פון ארץ ישראל איז 65 טויזענד קוואדראט קילאמעטער.

**ג.** דער ריכטיגער נאמען פון הייליגען לאנד איז ארץ ישראל וויא ערווענהט איז, וואס אין דער וועלט ווערט עס היינט גערופען פאלעסטינא, דאס שטאממט פון דיא צייטען וואס דיא גריכען האבען רעגיערט אין לאנד אין צייטען פון צווייטען בית המקדש, עס האבען אן דער זייט פון ארץ ישראל ביים ים געוואוינט דיא פלשתים איין קליינער טייל פון ארץ ישראל, פון וועגען דיא פלשתים האבען זייא גערופען דאס לאנד פאלעסטינא, זייא האבען געמיינט דאמיט

צו

צו ערנידעריגען דיא עדרע פין ישראל, אבער דער אמת'ר נאמן פין לאנד איז ארץ ישראל.

ד. ווייטער ווירד בעשריבען זיין דאס יודען האבען תמיד געוואונט אין ארץ ישראל אפילו אין דיא צייטען פין נאך דען חורבן, און אפילו מהאט דיא יודען פארפאָלגט האבען דאך יודען ניש פערלאזט דאס לאנד, מיט גרוים מסירת נפש מיט אויפאָפפערן דאס לעבען זענען יודען געגאנגען אין לאנד אין פערשיע-דענע סכנות, אזוי וויא איין קינד צו זיין מוטער, אין אלטע צייטען איז דער צופוהר קיין ארץ ישראל געוועהן זייער שוועהר קיין באהנען קיין דאמפשי-פען האבען ניש עקסיסטירט, דיא שטראסעי אין לאנד גופא זענען גע-וועז מיט סכנות פערבינדען אין דיא הויכע בערג צווישען פעלזען אין דער פחד פין ווילדע אראבער דיא רוצחים, אפילו ווען דיא וועלט האט שוין אויף דעם געביעט פאָרשריט געמאכט, מאן האט איבעראל אויסגעבויט וועגען אין שטראַסען איז ארץ ישראל ווייט צוריקגעבליעבען, ענדליך אין יאהר תרנ"ב איזט געבויעט געווארען דיא ערסטע אייזענבאהן אין ארץ ישראל פון יפו קיין ירושלים, צו וואס אללע יודען האבען זיך שטארק דערפרייט וויל עס איזט פיעל גערלייכ-טערט געווארען דער צופוהר ביז ירושלים, ווער עס האט אבער געוואלט בייוואָה-נען דיא איבריגע היילגע שטעדט, האט נאך געמוזט זיך ארום פלאגען אויף אייזלען, אויף קעמלען, אויף פיהרען אויף דיא שלעכטע פחדים-דיגע וועגען.

ה. דיא וועלטשלאכט פין יאהר תרע"ד-ע"ח, האט אפילו אויף ארץ ישראל פיעל ערגער געווירקט וויא אויף אללע אנדערע מדינות, יודען האבען געליטען הונגער אין מגפות ר"ל, אבער אויף דעם געביעט האט דיא מלחמה נאך זיך איבערגעלאזט דאס היילגע לאנד מיט אויסגעבויטע שטראססען וואס דיא טערקען האבען בשעת דער מלחמה צו סטראטעגישע צוועקען אהערגעשטעלט. דיא ענגלענדער אזוי וויא זיי האבען דאס לאנד איינגענומען, האבען זייא נאך שטראססען אין אייזענבאהנען געבויט, אזוי דאס היינט איז דאס לאנד פארזעהן מיט אספאלט שטראססען אין אללע זייטען פון לאנד אין עס איז גרייכער פארקעהר פון אויטומובילען אין אייזענ-באהנען, למשל ווען מען קימט קיין ארץ ישראל אויף דעם פאָרט פון חיפה, אדער יפו, האט מאן גלייך אויטאָ, אָדער באַהן וויא אהין מען וויל פאַהרען, ווער עס וויל לאנדען אין אַלעקסאַנדריא (עגיפטען—מצרים) קאַן פאַהרען מיט אייזענבאַהן אַלעקסאַנדריא—קאַנטאַרא—לוד—ירושלים, אזוי אויך קיין יפו אָדער קיין חיפה, פאָן לוד אויס, קיין טבריא געהט נאך קיין באַהן נור ביז סאמאח פאַן דאָרט אין צווייא שעה מיט איין דאַמפשיף קיין טבריא, קיין צפת אין קיין חברון איז ניש דא דיא אייזענבאַהן, אבער גוטע שטראַססען מיט אויטאָמובילען פערקעהר, אזוי אויך צו דיא קאָלאָניען, אזוי וויא עס ווערט געצייגט אויף דער מפה וואס איך האב געמאכט, דעם לעזער טיילווייזע צו אָריענטירען אין דיא גרענעצין דיא ערטער אין דיא הויפטשטראַססען פון היילגען לאַנד, אויף דיא צפון זייט קומט נאך צו צו ארץ ישראל וואס איך האב נישט בעצייכנעט וויל דיעזער טייל קאָממט ווייניג אין בעטראַכט אין עס איזט אַ שטרייט צווישען דיא היילגע חכמים אָב דיעזער טייל איז רעכט ארץ ישראל.

ו. ארץ

# טוב קאפיטעל א ירושלים

ו. ארץ ישראל האט הקב"ה אין דער הייליגער תורה געלויבט מיט איהרע פרוכטען, דער הויפט לויב איז וואס דער פסוק זאגט לא תחסר כל בה, דאס הייסט ארץ ישראל איז אויסגעשטאטעט מיט אללעם עס פעהלט גאר ניש דארין, אזוי זאגט דער ספרי אנדערע לענדער זענען אנגעוויזען איין לאנד אויף דעם אנדערען, וואס איין לאנד האט, האט ניש דאס צווייטע, אבער ארץ ישראל פעהלט גור ניש.

ז. דיא פירות פון ארץ ישראל זענען געוועזי בערוהמט גוט, אין געוואקסען גרויס, אין דיא צייטען פון בית המקדש האט ארץ ישראל ניש געהאט וויא אבצולאגערן איהרע פרוכטען אזויפיעל איז געוועזען, דיא חכמים זאגען דאס אללע מדינות האבען אנגעפיללט ארץ ישראל מיט גאלד און זילבער פאר זייערע תבואות, דיא גמרא ערצעהלט רבי יהושע בן לוי איז געקומען אין דעם אורט גבלא, האט ער געזעהן דיא הענגלעך טרויבען האט ער געמיינט דאס קעלבער זענען צווישען דיא וויינרעבען, האט מען איהם געזאגט, דאס זענען טרויבען, האט ער געזוגט: לאנד, לאנד, ציה איין דיינע פירות, צו וועם געבסט דוא דיינע פירות צו דיא ערביים, וואס האבען אונס צוגרונד געליגט, דאס אנדערע יאהר זענען דיא טרויבען שאן קלייגער געווארען, דער רמב"ן ז"ל רוהמט נאך זעהר ארץ ישראל מיט איהרע פירות, וואס ער האט נאך אליין געזעהען, עס האט איהם אויך בעריהרט דאס דאס לאנד גיבט אזאלכע שיינע פרוכטען פאר דיא שונאים פון ישראל, ער האט זיך אבער בערוהיגט אין האט דארויף געזאגט איין ביישפיעל, הוא ביזט זאגט ער צום הייליגען לאנד בייא מיר גלייך צו איין יולדת וואס איהר קונד איזט קראנק אין קענן ניש פערנעמען דיא מוטערמילך, דיא מוטער מיז אבער לאזען אבזייגען דיא מילעך, ווייל זיא האט שמערצען און ווייל זיא מוס טראכטען דאס דאס קינד זאלל שפעטער האבען צו זייגען, גיבט זיא דערווייל צו זייגען פאר דיא זייגעדיגע הינד, דער באדען אין ארץ ישראל איז שטארק אויסגעביג אין איז געאייגנעט צו אללע מינים פרוכטען, נור דיא אראבער וואס בעזעצען איהם, זענען ניש פעהיג אויסנוצען דעם באדען, היינטצוטוג וויא יודען בעארבייטען דאס לאנד זעהט מאן וואס איז טייטש ארץ ישראל, ווייטער וועט נאך פורקומען שמוסען פון דעם טעמא.

ח. דיא ערד פון הייליגען לאנד איז ניש איבעראל גלייך, טייל ערטער איז דוא דיא ערד וויס, וויא קאלעך, אזוי אין ירושלים אין איהר געגענד, טייל איז דיא ערד שווארץ, אדער רייטליך, פיעל בערג איז דא וואס זענען הויל שטיין, מאנכע בערג זענען אזוי וויא בעדעקט מיט איין ביסעל ערד אין דיע געבין ארויס אללערהאנד תבואות און פרוכט, צווישען דיא נאקטע שטיינער וואקסען ארויס בוימער מיט דיא בעסטע פירות, זעהר וואונדערבאר, טרויבען וואקסען פיעל, עס-טרויבען און וויינטרויבען, פין טרויבען מאכט מען אויך האניג איז ברויפען, אייל-בירטען וואכסען פיעל, פון דיא מאכט מען שמן, אויך ווערען וייא איז זאלץ איינגעלייגט, אין זענען איין גוטער שפייז צו ברויט, עס גיבט אויך שמן פון שומשמין אויך גוט צום עססען דעם רופט מען תירש, פייגען מילגרוימען און נאך נאך פיעל פירות אין פיעל פערשיעדענע גרינצייג. אתרוגים לימאנען, אראנזשען

אַראַנזשען (פּאָמעראַנצען) וואַכסען זעהר פיעל שאָן היינט און ווערען צושיקט איבער דער וועלט.

**ט.** דאס קלימאט אין ארץ ישראל איז וואַרם אין בכלל זעהר געזונד, דיא בעזעטצער פון לאַנד זענען געזונדע שטארקע מענשען, עס זענען דא אין לאַנד פערשיעדענע געגענדע, בערג, עבענע, און בארטען פון ים, אזוי איז דאס לאַנד ניש איין איינ׳ג קלימאַטושעס, עס ענדערט זיך דאדורך צו ווארם אין קאַלט, טרוקען און פייכט, דיא זוממערדיגע היץ קען דערגרייכען אין ירושלים 42 גראַד צעלזיוס, אין טבריא ביז 45 גראַד, אַנדערע געגענדער איזט דא פערשיעדענע, וואַרמע און קאַלטע, עס אייז פערהאַנדען ערטער וואס בייא טאג איז שטארק היים און בייא נאכט איז גוט קאַלט, פון פסח ביז סוכות געהט קיין רעגען גאר ניש, נור בייא נאכט געהט איין טוי ער דאכט זיך וויא איין וואָלקען, דער טוי מאַכט פייכט דיא ערד דאס זיא איז פעהיג צו ערצייגען דיא געוויקסען, רעגנען הייבט אָן איז חשון, דאס הייסט (יורה) פריהרעגען, נאכדעם רעגענט אין חצי אדר (מלקוש) שפעטרעגען, ווען רעגען קומט ניש אין דער בעשטיממטע צייט, זענען יודען מתפלל און פאסטען וויא עס שטייט אין דער גמרא און איז שולחן ערוך, עס זאָלל קיין הונגער־יאהר זיין, אויך ווייל דער רעגן גיבט וואססער צום טרינקען און קאָכען, דאס רעגענוואַססער ווערט צוזאַממענגעזאַמעלט אין דיא בורות (פער־רעקטע גרובער אזוי ברונען) אין דיא ברכות (אָפענע גרובער וואסער צו האל־טען), דיא רעגענוואַססער אין ארץ ישראל איז גוט צום טרינקען קלאר און זיס, אפילו וויא לאַנג זייא שטייען ווערען זייא ניש פערדאָרבען, היינטיגע צייטען איז שאָן דא וואַססערלייטונג מיט צוסטערנען, דיא ווערען וואס אהמאָהל פערגרעססערט אין פערבעססערט, דורך דיא רעגירונג אונד דיא קאָלאָניסטען.

## קאַפּיטעל ב.

## ירושלים

**א.** ירושלים דיא היילינע שטאדט, דער אורט וואָ דאס בית המקדש איז גע־שטאנען, דער צענטרום פאָן דער יודישער אומה, דאָרט האבען אמאהל געוואוינט איהרע קעניגע איהרע נביאים, איהרע כהנים, דעם נאָמען ירושלים האט איהר השם יתברך אליין געגעבען, וויא אונזערע חכמים זאַגען דאס אברהם אבינו האט זיא גערופען יראה (בראשית כ״ב י״ד) און שם דער זוהן פון נח האט זיא גערופען שלם, דאַדורך האט השם יתברך גערופען דיא שטאדט מיט אַללע צוויא נעהמען יראה און שלם צוזאַממען ירושלים. דיעזער נאמען איז איהר געבליבען ביז היינטיגע טעג בייא אללע פעלקער.

**ב.** ווען דיא יודען זענין ארויס פון מצרים צו ערראָבערן דאס הייליגע לאנד, איז דער שבט יהודה ארויפגעגאנגען אויף ירושלים און האבען זיא פערברענט (שופטים א׳ י״ח) זייא האבען אבער דעם יבוסי וואס איז דאָרט גיזעסין ניש געקענט פארטרייבען ביז עס איזט געקומען דוד המלך און האט איהם פערטריבען און האט

זיך

זיך בעזעטצט אין ירושלים נאך דעם וואס ער איזט אין חברון געזעסען אלס קעניג זיבען יאהר, דוד המלך האט געבויעט דעם פונדאמענט צום בית המקדש אין זיין זוהן שלמה האט דערפארטיגט דעם בוי פון בית המקדש, אין האט געמאכט ירושלים פאר איין קרוין פון שוינקייט אין פרייד פאר דער גאנצער וועלט, דיא הייליגע שטאדט ירושלים איז שוין פיעל מאל חרוב געווארין אין צוריק אויפגעבויעט געווארען, אין פון דער צייט וואס דיא יודען זענען פאָן איהר פערטריבען געוואָרען, איז זיא שאָן געוועזען אין בעזיטץ פון פערשיעדענע פעל־קער, היינט צו טאַג איז ב"ה ירושלים זעהר שיין אויסגעבויעט, יעדעס פאָלק גליסט צו האבען איין נחלה אין דער הייליגער שטאדט זייא בויען אין איהר פאַלאסטען און טירמע געבעטהייזער און צוזאַממענקונפט פלעצער, עס קומען תמיד מענשען בעזוכען דיא הייליגע שטאדט פון דער גאנצער וועלט צו זעהען איהרע אַלטע זעהענווירדיגע זאַכען וואס האבען אין דער וועלט קיין גלייכען, אין ערב חנוכה פון יאהר 5678 איז געקומען דיא הייליגע שטאדט אין דער מאכט פון דער רעגירונג ענגלאַנד, זיא איזט היינט צו טאַג וואס אמאל שעהנער און גרעססער, זיא איזט גערעכנעט פאר איין גראָסשטאדט אונד האנדעלסשטאדט, דער מסחר וואקסט וואס אמאל מעהר אין איהר, זיא איז דיא הויפטשטאדט פון ארץ ישראל.

ג. דער אנבליק פון דער הייליגער שטאדט פון דרויסען איז זעהר שיין, בע־פוהר דער מענש קומט אין איהר ווען ער איז נאך אויף איהרע ארומיגע בערג, צייגט זיא זיך פאר איהם מיט שוינקייט אין הערליך פרעכטיגקייט, דאס יודישע הארץ ווירד זיא אונקיקענדיג פול מיט געוויין און פרייד, זיין אויג זעטיגט זיך פון איהר אנגענעמקייט, פון צווישען איהר הייזער אין פאלאסטען זעהט זיך ארויס דער גרויסער טורם פון דער מאָשעע וואס שטייט אויף דען אָרט וואָ אונזער בית המקדש איז געשטאנען, דאס אויגענמערק לענקט זיך באלד אויף דיעזען אורט און דאס הערץ ווערט באלד גערירט זיך דערמאנענדיג דא איז גע־שטאנען דאס אלערהייליגסטע, דא האט זיך דיא שכינה הקדושה מיט איהרע וואונדער בעוויזען וויא שעהן איז דאס דאמאלס געווען אפילו נור פון וייטען אנצוזעהן.

ד. ירושלים פון היינטיגער צייט איז בכלל איין אורט, דאך ווערט עס אין צוויא געטיילט, איין טייל איז אלט ירושלים דאס איז דאס ירושלים וואס אין תנ"ך אין היסטאָריע ווערט פון איהר דערציילט, דאס ירושלים איז ארום גענומען מיט איין מויער וואס איז הויך אין האט טויערעז וויא פאלגענד ערקלערט ווירד, דער צווייטע טייל איז נייא ירושלים ארום דער מויער פון אלט ירושלים, נייא ירושלים איזט געבויט אויף דען איירופעישעז סטיל מיט ברייטע גאססען אויף וועגען אין אויטאמאבילין צו פאהרען, דיא זייטעז פון דיא גאססען זענין דיא טרעטו־ארען פון אספאלט אָדער געהאקטע שטיינער צום פאסירען פון פוסגעהער, נייא ירושלים איז פינף מאַל אזוי גרויס וויא אלט ירושלים, אין איהר געפונט זיך געוועלבער אין גרויסע האַנדעלהייזער גלייך וויא אין אללע איירופעישע גראָסס־שטעדטע, באַנקען מיט וועכסעלשטובען גרויסע האָטעלס, שפיטעלער און אפא־טייקען, קונסולאטען פאָן אנדערע רעגירונגען, א. ד. ג. דער טייל ניי ירושלים

אין

צפון

# מפת ירושלים העתיקה וסביבתה




מערב

מזרח הר הזיתים

0 50 100 200 300 400 500 600 מעטער

קו המדה 1:10.000

דרום

איז געבויט געוואָרען אין דיא לעצטע הונדערט יאהר, איהר פארנעם איזט אויף צפון זייט אין מערב זייט פון דער אלטער שטאדט, ווייל אויף מזרח אין דרום זייט איז דער טאהל נחל קדרון אין דער טיעפער אָרט תופת אין גיא בן הנם אין דער בארג צופים, דיעזע זענען ניש געאייגנעט אויף וואָהנערטער.

# קאפיטעל ג.

## דיא מויערען מיט דיא טויערען ארום ירושלים

**א.** אין דיא צייטען פון צווייטען בית המקדש איז ירושלים געווען ארומגעגענומען מיט דרייא מויערן אין טיטוס האט זייא חרוב געמאַכט, דיא שטאדט האט זיך געצויגען דאמאלס ביז ארויף אויף דען בארג הר הזיתים, אזוי אז דער קבר פון חולדה הנביאה אויף דעם שפיץ פון הר הזיתים איז זיך געפאלין אין דער שטאדט, אזוי אויך דיא קברי מלכי בית דוד זענען דאמאלס געווען אריין פון דער מויער.

**ב.** דיא דריטע מויער האט הורדוס געבויט צו פארגרעסערען דיא שטאדט, אין דאָרט זענען געווען געבויעט הייזער דאס איז אבער אלעס חרוב געוואָרען, נור מען טרעפט נאָך היינט איבערבלייבונגען פון דיא מויערען בייא אויסגראבונגען אין דער נייער שטאדט, אין מען לאסט פון זייא עפעס צום גדענקען.

**ג.** דיא מויער וואס געפינט זיך היינט ארום אלט ירושלים וואס איהר לענג איז רינגסאום פיער קילאָמעטער, דיא איז געבויעט אויף דיא פונדאמענטען פון דער ערשטער מויער, וואס שלמה המלך האט געבויט, אין ווינקעל מזרח—דרום און אין ווינקעל צפון—מזרח געפינען זיך גרויסע שטיינער וואס זענין לאנג פון זיעבען ביז צוועלף מעטער, עס שיינט דאס דיעזע זענען פין דעם בויא פאָן שלמה המלך וואס אין פסוק ווירד ערצעהלט (מלכים א׳ ה׳ ל״א) פון זייער גרויסקייט, דיא דאָזיגע מויער איז בייא חורבן בית ראשון צושטערט געוואָרען, און שפעטער ווידער געבויעט אונד חרוב געוואָרען ביז עס האט זיא געמאכט דער טירקישער קעניג סולטאַן סולימאַן אין יאַהר רצ״ג—רצ״ט 5293—5299 דיא מויער שטייט היינט אין איז וואונדערבאר אין שיינקייט.

**ד.** דיא הייך פון דער מויער איז צוועלף מעטער, אין איהר געפינען זיך דרייא אין פערציג טירמע, אין דיא דאַזיגע טירמע געפינען זיך טירמע פון בעאָבאַכטונג וואס מען קוקט פון וייטען אָב קיין פיינד מאכט קיין אנגריף אויף דער שטאַדט. אין דער מויער אויף פיעל ערטער איז געמאכט לעכער אויף צו שיעסען מיט פיילען אויף דעם שונא, היינט צו טאַג איז ירושלים בעוואַרענט מיט מוניציאָן פון אַללע נייעסטע זאַכען, אויף מעהרערע שטעללעס פון דער מויער אויבען אין דער הייך איז צוגערישט אויף שפאציר פון מענשען, מען געהט ארויף מיט שטיעגען, וואס זענען געמאַכט מיט אייזערנע אונלאהן, אויף דער מויער איז דא אייזערנע צוימען מען זאָלל ניש ארופפאלען, אויף דער מויער אויבען זעהט מען דאס הערליכקייט פין דער הייליגער שטאדט אין איהרע אומגעבונגען.

**ה. אין** דער מויער וואס נעמט ארום אלט ירושלים געפינען זיך אכט טויערן אויף דער מערב זייט איז שער יפו »יאפפאער טאָהר« בייא דעם דאָזיגען טויער איז דער צענטרום פון האנדעל פון אלט אין נייא ירושלים, דאָרט איז איין געטועמל פון מענשען פון סוחרים אין אנדערסגלייכען אָהן איין איפהער, נאָהנט צום דאָזיגען טויער געפינען זיך דיא גרויסע באנקהייזער דיא גרעסטע געוועלבער דיא פאָסט דער טעלעגראַף, אויך איז דאָרט נאָהנט דער טורם פון שטאטזייגער זעהר זעהנסווירדיג, דעם דאָזיגען טויער רופט מען אויך שער חברון »חברון'ער טויער« ווייל דורך דעם טויער נעמט זיך דער וועג קיין חברון, דער דאָזיגער טויער איז געווען געבויעט וויא דיא איבריגע טויערען פון דער שטאַדט מיט זייטיגע זאָלען אין אויף זיא איז איין קשת (איין געוועלבונג) און דער הויך, אָבער אין יאַהר תרנ"ט 5659 האט קייזער ווילהעלם פון דייטשלאַנד בעזוכט דיא היילינע שטאדט אין אויף זיין פערלאנג האט דער טורקישער סולטאַן איהם בעווילליגט צו בעזייטיגען דעם קשת מיט דעם טייל מויער העכער דעם קשת אזוי איז דער טויער אָפען אין דער הייך, דער קייזער ווילהעלם האט דוס געטוהן צוליעב זיין שטאָלצקייט ער האט נישט געשווינט דעם שיינעם אנטיק פון דעם טויער כדי זיך נאכצוגעבען דוס גליסטינג פון זיין בייז הארץ אריין צו מאַרש'רען אין דער אלטע שטאדט זיצענדיג אויף זיין פערד מיט אויסגעצויגענער שווערד גלייך צו זיינע אורעלטערן וואס האבען אין יאַהר תתנ"ו 4856 דאס הייסט דיא קרייצציגע, וועלכע האַבען צו יענער צייט חרוב געמאַכט דיא היילינע שטאדט דיא טיהר וואס איז אין דער זייט פון גרויסען טויער איז נישט פערענדערט געוואָרען.

**ו. אין** דער צפון זייט פון דער אַלטער שטאדט געפונען זיך דרייא טויערן, א' »שער החדש«, ב' »שער שכם«, אָדער »שער העמודים« פון וועגען דיא זאהלען וואס שטייען אין אינוועגדיקסטען טהייל פון טויער, אויף דיא דאָזיגע זאָהלען געפונט זיך איין אלטע אַראַבישע איינשריפט דאס דער טויער איז געבויעט געוואָרען אין יאַהר רצ"ז 5297 אין דיא צייטען פון סולטאַן סולימאַן אויף דעם אָרט וואו עס איז פריהער געשטאנען איין אַנדערער אַלטער טויער, דער דאָזיגער טויער בעשטייט פון צווייא טירמע, אין איבערער טייל געפינען זיך דיא רעשטען פון איין אלטען קשת וועלכען דיא אלטערטומספאָרשער האבען דערקלערט דאס ער שטאמט פון דער מויער פון קעניג אגריפס פון דיא יאהרען ג' תש"פ 3780, דער דאזיגער טויער איז איינער פון דיא חשובע טויערען אין דער אלטער שטאדט, נאָהנט צום דאָזיגען טויער »שער דמשק« ווייל דורך דעם טויער גייט דער וועג קיין דמשק. ג' »שער הורדוס«, אָדער »שער הפרחים« דער טויער פון בלומען, ווייל אויף טייל שטיינער וואס זענען אין טורם פון דעם דאָזיגען טויער זענען אויסגעקריצט פערשיעדענע בלומען.

**ז. אין** דער מזרח זייט געפינען זיך צווייא טויערן. 1 »שער האריות«. 2 »שערי רחמים« דער דאָזיגער טויער איז אויף דעם באַרג »הר המוריה« וואס איז דער »הר הבית« דער בארג וואס דאס בית המקדש איז אויף איהם געשטאנען, אין גאָר אלטע צייטען ווען דער צוגאנג צום כותל המערבי איז נישט געווען פרייא פלעגען יידען מתפלל צו זיין נעבען שער הרחמים, היינט צו טאַג איז שווער

דער



ירושלים העתיקה עם החומה והשער
מצד צפון



ירושלים החדשה (רחוב יפו)







רחוב בירושלים העתיקה
(הדרך לכותל המערבי)



דער צוגאַנג צום שער הרחמים ווייל דער דאָזיגער אורט איז פול מיט קברים פון דיא
גויים דיא מוסעלמענער.

**ח.** דער שער הרחמים איז איין בוי פון גרויסע וואונדער, זיינע ביישטיילען וע=
נען פון אַלטע זאָהלען אויס איין שטיק שטיין, דיא אראבער זאָגעז
אז דיא דאָזיגע זאָהלען האט געשענקט דיא מלכת שבא (מלכים א׳ י׳) פאר שלמה
המלך, דער טויער איזט היינט צו טאג אבגעשפערט אין פערבויעט מיט שטיינער
אבער דיא זאָהלען מיט דעם קשת אובער זייא און דיא שוועלען פון דיא זאָהלען
דערקענט מען, זייא זענען וואונדערבאַרע שניצער ארבייט שיינע בליטהען און
בלומען פאר דעם טויער געפינט זיך איין גרויסער זאל פון מעכטיגע גרויסע
שטיינער מיט שיינע פערציערונג.

**ט.** אין דער דרום זייט געפינען זיך צוויא טויערן. 1. »שער ציון«, וועגען דעם
וועג וואס ציהט זיך פון דעם טויער ביז קברי מלכי בית דוד, פון דעם
טויער אן ציהט זיך דיא מויער בארג אפ צום טאהל »נחל קדרון«, 2. »שער
האשפות«, אָדער »שער הקטן«, ווייל ער איזט דער קליינסטער פון דיא איבריגע
טויערן.

# קאפיטעל ד.

## דיא גאססען פון ירושלים

**א.** דער איינגאַנג אין אלט ירושלים קען נור זיין דורך איינעם פון דיא טויערן
פון דער מויער, אין פריהערע צייטען פלעגט מאן ביינאכט אבצושפערען דיא
שטאדט מיט דיא אייזערנע טויערן, אויף דיא צווייטע זייט פון דיא מויערן
הייבען זיך אן דיא גאססען אין דיא מארקעז פון ירושלים, דיא גאססעז זענעז
גאנץ ענג און שמאל פול מיט געוועלבער און לאדען אויף גאנץ אלטען סיסטעם
וויא אזוי וויר געפינען אין תלמוד, דיא געוועלבער זענען פון דיא צווייא זייטען
פון דער גאס דאס מייסט געוועלבער זענען נישט געמאכט אריין צו לאזען דיא
קונים נור אזוי געהופענע באזארען וואס דיא קונים שטייען אין דרויי=
סען און דיא סוחרים דערלאַנגען ארויס דיא סחורות, דאדורך זענען דיא גאססען
תמיד פיל מענשען, אללע סאָרט סחורות האבען בעזונדערע
גאססען, למשל איין גאס פון תבואה מארק, איין גאס פון פירות איז עססעז
ווארק, איין גאס פון קליידער, פון שוך, איין גאס פון גאָלד און זילבער ארבייטער,
און אזוי ווייטער, דיא גאססען זענען צומייסט מיט געוועלבונג (סקלעפיניע) בע=
דעקט, און אויף דיא געוועלבונג זענען געבויט דיא הייזער צום וואוינען אין דא=
דורך איז אין דיא גאססען טונקעל, אין דיא געוועלבונג געפינען זיך פענסטער
וואס געבען אריין ליכטיגקייט פון הימעל צו דיא גאססען, דיא הייזער זענען גע=
בויעט זעהר געדיכט און הויך צווייא דרייא און פיר שטאָק.

**ב.** דיא הייזער זענען געבויט פון געהאקטע שטיינער צומייסט זענען דיא הייזער
ניש געמאלטערט פון דרויסען דיא געוועלבונג פון דיא הייזער איז אויך
אויס שטיינער, טייל דעכער זענען גלייך און געאייגנעט צום בעדינען זיך אויף
זייא, זייא זענען אויסגעפלאסטערט מיט שטיין אָדער צעמענט עם געפינען זיך

נאך

נאָך דעכער וואַס זענען פון ליים, און ווערען פון רעגען געשעדיגט צו דיא בענוצט מאן דיא שטיינערנע וואלגערעס וואָס מען טוט מיט זייא גראד מאכען דיא דעכער נאך דעם רעגען, היינט צו טאַג מאכט מאן שאָן דיא דעכער פון גוטען צעמענט וואס איז שטארק וויא שטיין, פיעל דעכער האבען מעקות (צוימען) ארום זיך, דיא הייזער זענען אזוי געדיכט און נאָהנט איינס צום אנדערן דאס מאַן קען געהן איין גאנצע רייהע הייזער פון דאך צו דאך, דיא הייזער פון דרינעז זענען אויך מיט שטיינער אויסגעפלאַסטערט אָדער צעמענטפלאַטען פין שיינער אויסשטאַטונג.

ג. דיא הייזער זענען געבויט אין הייף דיא הייף זענען אין געסלעך דיא געסלעך ציהען זיך צו דיא הויפגאססען, איין הויף (חצר) דיענט פיר פיעל וואָהנהייזער, אין יעדען חצר איז דא איין בור (ציסטערנע, וואססער זאמלער), אָדער מעהרערע בורות וואס אין זייא זאמלען זיך צוזאמען דיא רעגענוואססער, וואס גייען אין ווינטער צייט דורך רינעס פין דיא דעכער אין פון דיא הייף, דיא בורות זענען געגראָבען טיעף אין דער ערד אויסגעמויערט מיט שטיינער, רונד אָדער פירעקיק, אין גוט אויסצעמענטירט זאָ דאַס דיא וואַססער זאָלל זיך אין זייא האלטען, איבען איז דער בור פארדעקט אין צוגעמויערט, ער האַט נור איין קליינע עפנונג דאס וואססער אויסצושעפען מיט אמפערס וואַס זענען מיט שטריק צו דעם צוועק צוגעריכט, אָדער מיט אַ פלומפ, דאס רעגענוואססער איזט קלאַר און זיס און זעהר אנגענעהם צום טרינקען און קאָכען, און ווערען נישט פערדאָרבען אפילו וויא לאַנג זייא שטייען. דיא טרעפ אויף דיא שטעק צו שטייגען זענען אונטער דעם פרייען הימעל און זענען פון געהאקטע שטיינער געמאכט, האָלץ מאטעריאַל איז טייער אין גאנצען לאנד דען דיא ווערען פון ווייטען געבראַכט, אָדער מיט שיפען, שטיינער זענען איבעראַל צו האַבען און זענען זעהר געאייגנעט פון זייא אללערהאנד בוימאטעריאל צו מאכען, זייא זענען ווייך צום האקען דאָך זעהר דויערהאפט, אין דיא אלטע וואָינונגען געפינען זיך נאָך שטיינערנע בעטען וואס מהאט אריין געמויערט אין דיא וואנד אין העכער זייא טיעפע לעכער, לאנגע וויא דיא הייך פון איין מענש, אויף זייא צו שלאָפען.

ד. אלט ירושלים האט פיעל גאססען, יעדע פון זייא האט איין בעזונדערן נאָמען עס איזט דא הויפטגאססען אין שמאלע גאַססען אין קליינע געסלעך, אין דיא בעפעלקערונג פאָן דער שטאט וואָנט יעדער אין איין בעזונדער פירטעל, דיא יודען האַבען וייער פיערטעל אין אזוי דיא מוסעלמענער, דיא קריסטען און דיא ארמענער, אויף יעדען אַרט וואָ דער מענש טרעט אין ירושלים האט איין שייכות צו דער געאגראפיע פון תנ"ך און בעשרייבונגען פון דיא בתי מקדשות און שפעטערע צייטען.

ה. דער אָרט וואס אלט ירושלים שטייט היינט אויף איהם דאס איז דער ריכטיגער אָרט וואס ירושלים פון דוד המלך'ס צייטען איז געשטאנען אבער דיא ערד וואס מיר טרעטען אויף איהר אין ירושלים אין נישט דיא זעלביגע ערד פון יענע צייטען, ווייל ירושלים איז שאָן פיעל מאַל חרוב געוואָרען און איז צוריק געבויעט געוואָרען אויף דיא חורבות פון דיא פריהריגע הייזער, מאן האט

שאָן

שאָן פיעלע אויסגראַבונגען געמאַכט אין מען האט ענטעקט אויף מעהרערע ערטער הייזער און אפילו גאנצע גאססען. נאר דער שטאנד פון דער שטאדט היינטיגען טאג איז שאָן עטליכע הונדערט יאַהר נישט פערענדערט געוואָרען.

# קאפיטעל ה.

## הר הבית ומקום המקדש

(דער באַרג אין דער אורט ווא דאַס בית המקדש איז געשטאַנען).

**א.** דער »הר הבית« דער בארג אויף וועלכען דאס בית המקדש איזט געשטאנען
איז ארומגענומען מיט איין מויער, אַבער איין יוד וואס האלט דיא תורה,
גייט ניש אויף איהם, ווייל דער דאזיגער אורט איז הייליג גלייך וויא אין
צייט פון בית המקדש און ווייל מיר זענען טמא קענען זיך ניש רייניגען
לויט פאָרשריפט פון דער תורה אין ווען איין טמא געהט אויף דען אָרט
פון בית המקדש, איז ער חייב כרת ר"ל, דער רדב"ז (קרוב 400 יאַהר) האַט
פעסגעשטעלט דיא גרעניצען פון הר הבית ביז וויא ווייט יודען מעגען געהען
אין האט געבויט איין צוים פון איין אייזערנער קעטטע אין דער גאס וואס פיהרט
צום הר הבית דאָס יודען זאָללען וויססען וויא ווייט זייא מעגען געהן, פריהריגע
צייטען האַבען דיא גויים נישט געלאָסט יודען געהען אויף דען הר הבית,
אין אלס באַרון מו"ה משה מונטיפיארע האט בעזוכט ירושלים האט ער גרויס
לוסט געהאַט ארויף צו געהען אויף דן הר הבית ער האַט פיעל געלד געשפענדעט
אין האַט בעקומען ערלויבנים פון סולטאַן צו בעזוכען דעם הר הבית, דיא רבנים
פון ירושלים האַבען איהם אויפמערקזאַם געמאכט דאס דאס איזט פערבאָטען על
פי תורה, ער האט ניש געהורכט, ער האט אַבער דאן חרטה געהאַבט. מאַן
האט איהם דאפיר אין חרם געלייגט, אַבער דיא רבנים האבען איהם באלד מתיר
געוועהן, היינט צו טאַג ערלויבען זיך לײדער דיא פרייע יודען אויף דעם הר
הבית צו געהען דאס טוהן זייא מחמת קלות אזוי וויא זייא טוהען אַנדערע
עבירות ד"ל, עס איז ארויסגעשטעלט צעטלען אין אללע בתי מדרשים פון הויפט-
ראבינאַט אין פון אללע רבנים פון ירושלים דאָס עס איז על פי תורה פערבאָטען
מיט איסור כרת ר"ל אהון ארויף צו געהען, ווער גאָטספארכטיג איז זאָלל הלילה
אויף דעם ניש עובר זיין, איך וויל דא ברענגען וואס עס שטייט אין דיא אלער-
ייעסטע בעשרייבונגען פון ארץ ישראל איבער דעם אלעם וואָס געפינט זיך
אויף דעם הר הבית היינט צו טאַג.

**ב.** דיא מאס פון הר הבית איז אויף מערב זייט וואס איז דיא לענגסטע זייט 490
מעטער, אויף מזרח זייט 474 מעטער אויף צפון זייט 321 מעטער
אויף דרום זייט 283 מעטער דער גאנצער אורט פערנעמט 141564 קוואדראט-
מעטער. דער ווינקעל צפון-מערב איז העכער פון ווינקעל דרום מזרח מיט 3
מעטער, אין דער מערב און צפון זייט געפונען זיך בנינים וואס זענען געבויט אויף
געוועלבונג וואס אינטער זייא איזט ליידיג, אין דער מיט פון דעם הר הבית געפינט

זיך א ייז חצר 4 מעטער הויך פין שטיינער געבויעט אין אויסגעפלאסטערט מיט פערציערטע גלאטע שטיינער דער אויפגאנג צום חצר איז מיט טרעפ פון אללע זייטען, דורך טויערן אין קשת'ן פון שיינער אויסשטאטונג דער אָרט פיז דעם ראָויגען חצר פארנעמט 24·455 קוואדראטמעטער, אויף דעם ראָויגען חצר איז דער אָרט וואָ עס איז געשטאנען דאס ערשטע אין דאס צווייטע בית המקדש, אין מיטען דעם חצר שטייט דיא עמאר מאָשעע וואס ווייזט זיך מיט איהר שוינקייט אין פרעכטיגקייט דיא אראבער רופען זיא »קיבעט אַ צאחרא« דאס הייסט דיע געוועלבונג (סקלעפיניע) פין דעם שטיין, פון וועגען דעם שטיין »אבן שתיה« (זעהט ווייטער) דיא יודען רופען דיא מאַשעע »מקום המקדש« אָדער »מסגד הסלע«, דיא מאָשעע איז אַ ריעזען בנין, זיא האט אַכט זייטען אין ווינקעלן, יעדע זייט האט דיא לענג 20 מעטער, דער דורכמעסער פון דרינען האט דיא לענג פון 53 מעטער, זיין ארומיגע לענג האט 160 מעטער, דער בויא איז פין גרויס וואונדער שיין פערציערט מיט זאַהלען איז געוועלבונגען פון טייערע שטיינער, שיינע פענסטער טויערן אין איינגאנג וואונדערבאַרע, דיעזע מאשעע איזט געבויעט געוואָרען אין יאהר 4397 (היינט 1297 יאה"ר) דורך עמאר בן קטאַב דער שוויגערפאטער פאָן מחמד דעם נביא פון דיא טערקען, סולטאַן סולימאַן האט דיעזע מאָשעע פערשענערט אין יאהר 5322, דער דאך פין דער מאַשעע איז פון טאוולען ציען זיין הויך איז 30 מעטער.

ג. דיא מאָשעע איז פון אינווייניג געטיילט אין 3 טייל פערציערט מיט גאָלד אין עדעלשטיינע, דער מענש ווערט דערשראָקען ווייא זעהענדיג.

אין דער מיט פון דער מאָשעע איז דער »אבן שתיה« העכער פון דעם פלאסטער וואָס איז ארום איהם, דער אבן שתיה איז ניש איינוג ער איז וויא איין נאטורשטיין טייל ערטער איז ער נידריג טייל הויך, לאנג 17 מעטער, ברייט 13 מעטער, דיא הייך 1—2 מעטער, אין שטיין גופא איז אויסגעהאַקט איין רינע וואָס ציהט זיך אין דעם בור פון אונטער דעם שטיין, דער בור איז איין הייל אין שטיין מיט שטאפלען ארונטער ציא געהן טיעף דרייא אונד האלב מעטער, דיא הייל איז זיעבען מעטער קוואדראט ביז צווייא מעטער הויך, אין מיטען דער הייל איז דא איין ווייסמאַרמאָרשטיין דעק מען פיהלט אז אונטער דער דעק איז איין לעהרער רוים, אין הויף פון דער מאָשעע געפונען זיך פערשיעדענע געוועלבונגען, בנינים בורות, בריכות (וואַססער זאמלונגען) מיט וואַססער אין ציפרעססביימער.

ד. אויף דרום זייט פון מקום המקדש געפינט זיך איין צווייטע מאָשעע וואס יודען רופען זיא »מדרש שלמה« דיא אראבער רופען זיא »מסגד אל אקצא« דאס הייסט דיא עקסטע מאָשעע, לאנג 30 ברייט 55 מעטער, פיעל נעבענגעביידע זענען דא נעבען דיעזע מאָשעע, דיזע איז פיל עלטער וויא דיא עמאר מאָשעע, זיא איז אמאָהל געוועזן געדעקקט מיט גאָלד, נור ווייל דיא עמאר מאָשעע איז אמאָהל דורך איין ערדציטערניש רואינירט געוואָרען האט מען דעם גאָלדענעם דאך פערווערטעט און צורעכט געמאכט דיא עמאר מאָשעע, מדרש שלמה איז אויך הערליך שעהן אינווענדיג דיא זאהלען מיט דיא קריינען אין דיא ריימע

וענען



כותל המערבי



מדרש שלמה




מקום המקדש (מסגד הסלע)



אבן שתיה (בפנים המסגד)

זענען וועלטס וואונדער, דורך איין טיהר רעכטס, געהט מען ארונטער מיט שטאפלען אין גרויסעברייטע היילען, וועלכע רופען זיך «אורוות שלמה» דיא שטאלונגען פון שלמה, דיא געוועלבונגען זענען געבויט אויף שטארקע זאָהלען, אנגעבליך איז אויף דעם אורט געוועזען דיא שטאלונגען פון זיינע פערד, פון אורוות שלמה קאממט מאן נאך אין אנדערע אונטערערדישע געביידען, צווישען דיא געביידען אין דער הייך געפונט זיך איין כפה (געוועלבונג) וואס רופט זיך »קובעט זכריה«, וויא אראבער זאגען איז דורט געהרגט געווארען דער כהן ונביא זכריה, צו צפון זייט פון עמאר מאָשעע נאהנט צו דער מויער פון הר הבית איז איין גרויס געביידע «מתכמה» דער געריכטס אורט פון דער מוסעלמעגישער גייסטליכקייט, דאָרט מעגען יודען על פי תורה צו קאממען, אין גאר אלטע צייטען איז אויף דעם אָרט געשטאנען אַ שוהל וויא יודען האבען מתפלל געווען, וועלכע מהאט שפעטער צוגערויבט בייא דיא יודען.

ה. נאָך פערשיעדענע טויערען אין בנינים איז דא אויף דעם »הר הבית« וואס פאססען ציא דיא היסטאָרישע אנגאבעס פון פסוק אין פון תלמוד, ווייל מיר גייען דאָך זאָ וויא זאָ ניש אויף דער הר הבית וועלען מיר זיך בעגניגען לאָזען מיט דעם ווייניג וואס איך האָב דא הערויסגענוממען פון דיא בעשרייבונגען, דער גואל צדק וועט אונס שאָן אי״ה בקרוב אללעס גענוי ערקלערען.

# קאפיטעל ו.

## כותל המערבי

א. כותל המערבי, דיא מערב וואנד, דאס איז דיא איינציגע זאַך וואַס מיר קענען זעהען מיט אונזערע אויגען איין רעשט פון בית המקדש, א יעדער יוד וואס קומט קיין ירושלים איז זיין ערשטער וועג צום דאזיגען וויכטיגען אורט. וואס איז דורך קיי שונא ניכט חרוב געווארען וויא אונזערע חכמים ז״ל זאגען אין מדרש שיר השירים דאס הקב״ה האט געשייאורען דיע וואנד זאל ניש חרוב ווערען, אין מדריש איכה שטעהט, אספסיאנוס ווען ער האט חרוב געמאכט ירושלים האט ער איבערגעגעבען דיא פיער זייטען פין דער שטאדט יעדע זייט פאר איין אנדערן העלד. דיא מערב זייט פאר פנגר איין אראבישער העלד, אין וויל מען האט גוזר געוועזען פון הימעל אז דיא זייט זאל גיש חרוב ווערען ווייל דארט רוהט דיא שכינה האט פנגר געזאגט צו אספסיאנוס אז דאדורך הט ער זיין זייט ניש חרוב געמאכט עס זאָל בלייבען א זכר פאר דיא וועלט וואס פאר א שטארקע שטאדט עס איז געוועזען ירושלים אין אספסיאנוס האט זיא געקענט חרוב מאכען.

ב. אונזערע חכמים זאגען אז דיא שכינה הקדושה האט קיינמאל ניש פער־לאזט דיא כותל המערבי, א יוד וואס קומט צו צו דער הייליגער וואנד ווערט גלייך דורכגענוממען מיט פחד פון השי״ת ער דערמאנט זיך דאס דא האבען מתפלל געווען אונזערע הייליגע אבות, דער רמב״ם זאגט עס איז בקבלה דאס דער אורט פון בית המקדש איז וואָ אברהם האט זיין זוהן יצחק געברענגט אויף

דער עקידה, אויף דעם אורט האט נח געבויעט דעם מזבח אלס ער איז ארויס געקאָממען פון דער תיבה, דא האבען אויך קין און הבל מקריב געווען זייערע קרבנות, דא האט אדם הראשון אויך מקריב געוועזען, און פון ליים פון דעם אורט איז ער בעשאפען געוואָרען, (איך האבע אליין בייאַ געוואָנט אז אפילו דיא ערגסטע חפשים ווען זייא קומען צו צו דער כותל המערבי ווערען זייא דערציטערט)

**ג.** דיא כותל המערבי איז דער טייל פון דרום זייט פון דער מויער פון הר הבית, דאס שטיק אורט וואס איז פרייא מתפלל צו זיין ביים כותל האט דיא לענג פון 28 מעטער, איין ווייניג זייטווערטס פון מקום המקדש, נעבען דעם אורט אין דא איין שטיק אורט פון 10 איילען וואס דיא ערביים האַבען פערמויערט מיט שטיינער ווייל דאָרט האט דער רדב"ז געהאט גלוי שכינה פלעגען יודען גייען אויף דעם אורט מתפלל זיין און האבען געשריגען מיט קולי קולות, האבען זייא געשטערט דיא אראבישע הערדען ואס האבען דורט ניש וויט דעם געריכטסהויף אויף דעם אורט פון לשכת הגזית וואו דיא סנהדריז זענין געזעסען, דיא בריט פון דעם אורט וואס איז פרייא מתפלל צי זיין איז 3 און אהאלבע מעטער, איין מויער איז דארט פאר איין צווישען שייך, אויף דער אַנדערער זייט דארט זענען קליינע ארימע הייזליך הקדש פאר ארימע אראבער וואס קומען פון אפריקא, אונטער דיא דאזיגע הייזער איז דא איינגענג אין היילען וואס ציהען זיך ביז אונטער דעם הר הבית, דארט איז א געפאהר הערייננצוגעהען, עס איזט דארט דא בנינים פון גרויסע שטיינער אין זאָהלען, דאס זענען דיא פאדאמענטען פון בית המקדש וואס דוד המלך עליו השלום האט אליין געבויעט, טייל פאָרשער האבען בעשריבען פערשיעדענע וויני־דערליכע זאכען וואס זייא האבען געזעהען אין דיזע היילען, איינינע זאגען דאס זייא האבען געזעהען איין מעכטיגען שטיינערנעם קאסטען מיט איין גרויסע שטיינערנע צודעק, אין דארט זאלל זיין בעהאלטען דאס משכן מיט דיא זאָהלען אין פור־הענג און אללע צוגעהערען וואס משה רבינו האט געמאכט אין דער מדבר, דיא אללע געבידע אונטער דעם הר הבית זענען ניש צו בעגרייפען וויא אזוי מענשען האבען דאס געקאננט אהערשטעללען נור דוד המלך מיט הימלישע כוחות האט דאס געקענט מאכען, אויך דיא כותל מערבי איז וועלטסוואונדער וויא זאָ מהאט אזאלכע גרויסע שטיינער געקענט אזוי פינקליך צוזאממען שטעללען, דיא שטיינער זענען אָבער מיט דעם שמיר געשפאלטען געוואָרען, אללעס מיט הימלישע כוחות.

**ד.** דיא הייך פון כותל המערבי וואס מיר זעהען איבער דיא געפלאסטערטע שטיינער וואס מיר טרעטען אויף זייא איז 18 מעטער, און בעשטעהען אוים 24 רייעס שטיינער, דיא אונטערע 9 רייעס שטיינער זענען פון דיא אלטע וואס שלמה המלך ע"ה האט געבויט, יעדער שטיין האט דיא לענג 1 1/2 ביז 5 מעטער, דיא הייך איז איבער 1 מעטער, אויף רוב שטיינער דערקענט מאן נאך דיא אויסגעהויטע קאנטען פון זייא, טייל זענען שוין אבגעוועטשט, אין רואי־נירט פון אלטקייט און פון דעם וואס מאנכע טוריסטען ברעכען שטיקער פון דיא שטיינער אויף א אנדענקען, דאס דארף מאן ניש מאַכען דאס איז מעשה טיטוס הרשע ימ"ש, העכער דיא 9 רייעס שטיינער זענען דיא 4 רייעס שטיינער דיא זענען א האלבען מעטער דיא הייך, אנגעבליך שטאמען דיא פון אדרינוס, דיא

אללע

אללע שטיינער ליגען איינער אויף דעם צווייטען אָהנע מאלטער, העכער דיא איז דא 11 רייעס שטיינער קליינע געמאלטערט, דיא האט אנגעבליך באראָן מו"ה משה מונטיפיורי ע"ה געלאזט מאכען דאס עס זאלל זיך ניש שיטטען דיא ערד פון הר הבית ארונטער אויף דעם אורט וואו דיא יודען זענען מתפלל, אונטער דער ערד האט מען געפונען נאָך 19 רייעס פון דיא גרוסע שטיינער פון שלמה המלך'ס בוי.

**ה. צווישען** דיא שטיינער פון כותל וואקסט גרוז וואס מען רופט עס »איזוב« טייל האלטען דאס פאר סגולות און רפואות פיעל מענשען צייכנען זיך אויף אויף דער כותל זייערע נעמען מיט יודישע אותיות, טייל האבען בקבלה דאס ווער עס פאָהרט קיין חוץ לארץ און שלאגט אריין א נאָגעל אין כותל המערבי דער איז בטוח אז ער וועט צוריק קאממען בשלום אָהנע פגע, עס זענען ריכטיג דא פיעל נעגעל אין כותל.

**ו. בייא** דער כותל מערבי איז אימער דא בעזוכער, מתפללים, טוריסטען, יודען און גויים, פון אללע עקען פון דער וועלט, יודען זאגען דארט פיעל תהילים פון דוד המלך וואס ער האט דיא פונדאמענטען פון דעם דאזיגען בנין-געמאכט און אללע פארבערייטונגען צום בויא פונעם בית המקדש, אין דיא צייטען פאָן דאבנען, שחרית מוסף און מנחה שבת און יום טוב, קומען זיך צוזאם ביים כותל פיעל מענשען צו דאבנען איבערהויפט צו מוסף וואָ מאן איז מזכיר דיא קרבנות וואס מאן האט מקריב געוועזען אויף דיעזען אורט, דארט קען מען זיך דאס הארץ אויסוויינען ביים »ומפני חטאינו« וויא מען זאגט דאס איבער אונזערע זינד זענען מיר פון דא פארטריבען געווארען, מיר שטייען דא וויא איין ארויסגעווארפענער אויף יענער זייט וואנט און אונזערע שונאים זענען איני-וועגדיג וויא בעלי בתים, ערב שבת צו קבלת שבת זענען תמיד פיעל מענשען ביים כותל, און בגדי שבת אנגעטוהן מייסטענס איין ווייסע בגדים, ווער שמועסט ערב פסח נאכמיטאג און דער צייט פון מקריב זיין דעם קרבן פסח, מאן קומט זיך צוזאם פון דער געגענד אויך פון ווייטע ערטער צום כותל, (דאס היירינע יאהר תרצ"ד איז געשאצט געוועזען דיא בעזוכער ביים כותל המערבי ערב פסח אויף דרייסיג טויזענד יודען כן ירבה) עס איז אויך פארהאנדען פיעל מענשען פון דער געגענד און פון ווייטע ערטער וואס קומען עולה רגל זיין פסח שבועות סוכות קיין ירושלים, דיא אללע קומען צום כותל דאבנען, איך האב אליין בייגעוואָהנט שבועות פון יאהר תרצ"ג, הקב"ה האט מיר געשענקט דיא זכיה צו דאבנען ביים כותל המערבי. פון פריה מארגען ביז נאכמיטאג איז פיל געוועזן מענשען, איעדע סאָרט מתפללים האבען זיך עקסטער צוזאם גענומען געשטעלט איינעם צום כותל אלס בעל תפלה, א פאר שריט ווייטער איין אנדערער בעל תפלה, אשכנזים און ספרדים פרענקין פרסישע בבלישע, איינערליי שחרית דיא צווייטע מוסף און אזוי ווייטער, ליינען קען מען נור אויף איין אורט וויל עס ניש ערלויבט נור איין ספר תורה צו ברינגען צום כותל (זעהע ווייטער), מוז יעדעס מנין ווארטען מיט ליינען, אבער מען גייט ליינען אין בית המדרש שעל יד הכותל מערבי, ניש וויט פון דער כותל איז דא איין בית המדרש וואס פון דיא מזרח פענסטער זעהט מען דעם גאנצען כותל, דארט זענען דא מעהרערע ספרי תורה, נאך דעם דאווענען גייט מען

אין שכנותדיגע הייזער פון הר הבית אויף אייז גג וואו מען זעהט דעם גאנצען הר הבית מען בעטראכטעט וועניגסטענס דעם אורט וויא מען האט אין אזוי א צייט מקריב געוועזן קרבנות, ביים כותל שטייענדיג זעהט מען איבערהויפט ניש דעם הר הבית ווייל דער הר הבית איז אָבען גראד מיט דער 18 מעטער העכער כותל און מיר שטייען אונטען ביים כותל, דער אורט וויא מיר וועגען מתפלל איז דער נעהנסטער צום מקום המקדש, בלויס א פאר שריט פון אָרט פון קדשי קדשים.

ז. עס איזט שאָן פריהר ערוועהנט יודען האבען תמיד געוואנט אין ארץ ישראל, דיא יודען פון גלות פלעגען מאסענווייז געהן קיין ירושלים עולה רגל זיין, זייא פלעגען מתפלל זיין אויף דעם הר הזיתים און ביי דיא טויערן פון מזרח פון דער מויער פון הר הבית, אין דיא צייטען פון עמאר בן אל קטאב (וואס האט געבויעט דיא מאשעע איבער דעם אבן שתיה אין יאהר 4397, זיהע אָבען קאפיטל ה אות ב') דיא ערשטע צייט וואס דיא אראבער האבען רעגירט אין ירושלים, האבען זייא דיא יודען צו אללעם געלאזט, דיא יודען האבען אבגע־קויפט דעם גאנצען הר הזיתים, פלעגען זייא דאָרט מתפלל צו זיין, פאן הר הזיתים זעהט מען דעם גאנצען הר הבית, זייא האבען געהאט בקבלה דעם אורט וויא דיא שכינה האט גערוהט אויף דעם הר הזיתים נאך דעם חורבן, דער כותל המערבי איזט נאך ביז דאמאלס ניכט ארויסגעזעהן געווארען ווייל דיא ראָמער האבען איהם געלאזט פערשיטען מיט מיסט זיא פלעגען טרוגען פין ווייטע ערטער מיסט אין שיטען אויף דער כותל, ערסט עמאר איז פון דעם געוואור געווארען אין האט אליין אויך געהאלפען ריין מאכען דעם כותל, אין ער האט ערלויבט פאר יודען צו קומען דארט מתפלל זיין, עס איז געוועזן צייטען וואס דיא אראבישע סולטאנען האבען געוואלט ערלויבען יודען זאללען אין בית המקדש אויפשטעל־לען אויף זייערע קאָסטען, יודען האבען ניש געוואלט, ווייל זייא האבען נישט געהאט קיין נבואה פין הימעל דארויף, אין יאהר 4856 אין דיא צייטען פון דיא קרייצציגע פון דייטשלאנד, ווען זייא האבען איינגענומען דאס היילינע לאנד, האבען זייא דיא יודען פערטריבען פון דארט עס האבען זיך אין לאנד נור א קליינע צאהל יודען וואס האבען זיך בגנבה אויפגעהאלטען ערשט ווען דאס לאנד איז צוריקגעקומען אין מוסולמענישער מאכט זענין יודען צוריק געקוממען אין לאנד אריין פריי, אין זענען צוגעקומען פרייא אויף אללע מקומות הקדושים איבערהויפט צו דער כותל המערבי.

ח. אין יאהר תרפ"ט 5689 נאך דיא געשעהנישען פון חדש אב, וואס דיא אראבער האבען געמאכט חורבנות אין לאנד, האבען זייא צו דער רע־גירונג פראטעסטירט מאן זאָל דיא יודען פערביעטען צו צו קומען צום כותל המערבי, זייא האבען אין דער מויער אויף דער לינקער זייט אויסגעהאקט איין טויר דאס דאס אראבישע פאלק זאלל קענען דורכפאסיערען נוהגט צו דער זאויא, זייא האבען איינגעפיהרט דעם זיכאר דאס הייסט דער אראבישער שיך וואס שרייט הויך אין רופט צו געבעט מיט קולי קולות, אין דאס זאָל ער דייקא שרייען בשעת ווען יודען בעטען ביים כותל, זייא האבען אויפגערייצט דאס פאָלק אז דיא יודען ווילען צו נעמען דעם מקום המקדש מיט דער מאָשעע וואס ביי זייא דאס חשובסטע

איזט, יודען פלעגען זיך שאָן לעצטענס צו ערלויבען צום כותל צו ברענגען בענק אין טעפיכען פאר אלטע אין שוואכע, אויך איין עמוד איין שולחן מיט ספרי תורות, איין רב פון פוילען איז גאר איינגעפאלען צו מאכען איין וואנד צווישען די מעננער אין פרויען וואס קוממען מתפלל זיין, אויף דעם האבען די אַראַבער געטענהט אז די יודען וויללען דאס ארט צו רויבען, בכן זאלל די רעגירונג זייא איינגאנצען פארטרייבען פון כותל, עס איזט געווען איין פראָצעס אויף דעם בעפעהל פון דער ענגלישען רעגירונג, די ריכטער זענען געוועזען אונפארטיישע מענער פוןביידע צדדים, דער פראָצעס האט געדויערט פון 18 יוני ביז 19 יולי תר״צ מהאט די טענות אין די עדות אויסגעהערט, אין 8, יוני תרצ״א איז אויסגעשפראכען געווארען דער אורטייל אז דער אייגענטומרעכט פון כותל און אומגעבונג געהער פיר די אראבער, נור זייא זענען פערפליכטעט צו לאזען די יודען דאָרט בעטען און דארפען זייא ניש שטערן ווען זייא בעטען, יודען דארפען ניש צו ברענגען צום כותל קיין שום זאכען נור שלש רגלים ראש השנה און יום כפור מעגען זייא ברענגען איין ארון קדש איין ספר תורה און איין שלחן, דאס זעלבע ווען די רבנים געבען ארויס א תענית צבור, שופר בלאזען איז קיינמאל ניש ערלויבט, קיין בהמות איזט ניש ערלויבט דורך צו פיהרען אויך דער מואזין דארף ניש שרייען בשעת יודען דאווענען, קיין נעמען דארף מען ניש אויפשרייבען אויף דעם כותל אויך קיין נעגיל ארייינשלאגען, און אללע פארטייען זענען פערפליכטעט אכט צו געבען אויף די ריינהייט פון דעם אורט, אזוי ווי דער אורטייל איז ארויסגעגאנגען איז שטיל געווארען, יודען דאוונען אין בעטען אונגעשטערט ביים כותל, פאליצמענער פון דער רעגירונג שטעהען שטענדיג אויף וואך די ארדנונג אויפצוהאלטען, בעזר השם איז אללעס אין ארדנונג.

# קאפיטעל ז.

## מגדל דוד, קברי מלכי בית דוד, ציון

**א.** פון יפו׳ער טויער צו דרום פון ירושלים, אויף דעם וועג צו קברי מלכי בית דוד בעגעגענט מאן דעם »מגדל דוד« דוד׳ס טורם, איין פעסטונג וואס האט אינטער דער ערד גרויסע געביידען אין אויף זייא שטייט איין הויכער טורם, דיעזע געביידען זענען געוועזען די פעסטונג וויא דוד המלך׳ס מיליטער האט געלאגערט, מאגאזינען פון געוועהר אין מוניציאָן, שלמה המלך אין שיר השירים נעמט דעם מגדל דוד פאר איין מוסטער בילד אין זאגט כמגדל דוד צוארך, שפעטערע צייטען האבען יודען בעוואונט די אונטעראירדישע געביידע, דער אונטערער טייל איז נאך פון דוד המלך׳ס צייט, דער אָבערער טייל איז רענאווירט.

**ב.** קברי מלכי בית דוד, די קברים פון די קעניגע פון דוד המלך׳ס הויז געפינען זיך אין איין הייל צו דרום פון ירושלים, אויף דער הייל

איז געבויט איין גרויס געביידע מיט איין אייזערנעם טיער, שבועות ווען עס איז דיא יארצייט פון דוד המלך מאכעז דיא אראבער אויף איין קליין טירעל בים אייזערנעם טויער אין לאזען אריין יודעז אין דעם געבייא וואס איז איבער דער הייל פון דיא קברים, לינקס פון דער טיהר איז דא טרעפ וואס גייען ארונטער צו דיא קברים אבער אין טירעל איז אין מיטען פון דיא טרעפ, דארט לאסט מען קיין מענשען אריין, קעגען איבער דעם טירעל לאסען דיא אראבער נייש אמאהל מתפלל זיין.

**ג.** דער סדר הדורות שרייבט עס איז אמאהל איינגעפאללען איין וואנד פון איין בעטהויז אויף בארג ציון, האט דער כומר געלאסט פארריכטען, בשעת דעם גראבען האט מען געפונען א גרויסען שטיין מהאט איהם אויפגעהויבען, מהאט געפונען א טיהר צו אהייל וואו עס איז געווען געביידע פון מארמארשטיין בעדעקט מיט גאלד און זילבער א טיש מיט א גאלדענע קרוין, א גאלדענעם רוט, אין צוגעשלאססענע קעסטליך, וויא זייא האבעז געוואלט אין דער מערה אריינגעהען איז פון איהר ארויסגעקאממען איין שטורם ווינד אין זייא זענין צוזאמענגעפאלין ערשט אבענד זענען זייא אויפגעשטאנען אין זייא האבען געהערט א קול שטייט אויף אין גייט פון דאנען, אין עס האט זיך זייא געדאכט גליך מהעט זייא ארויסגעשטויסען, זייא זענען דערנאך פון גרויס שרעק געלעגען קראנק אזוי האט דער כומר געלאסט דיא עפנונג פערמויערן, פון מענשען אונוויסיג מאכען ביז דעם היינטיגען טאג.

**ד.** אין דיעזער הייל ליגען, דוד, שלמה, רחבעם, אביה, אסא, יהושפט אחזיה אמציה, יותם, יחזקיהו, אין יוסיפון ווערט געברענגט דאס שלמה האט געלייגט אין קבר פון זיין פאטער דוד פיעל גאלד און זילבער, נאך 800 יאהר האט הורקנס דרייאטויזענד צענטען זילבער פון דארט ארויסגענוממען צו געבען פיר אנטיוכס, דאס זעלבע האט אויך הורדוס געמאכט איינמאל, דאס צווייטע מאל האט ער ווידער אריינגעשיקט צווייא יונגעז ביינאכט זייא זאללען איהם פון דארט ווידער וואס הערויסברענגען אין האט זייא דרויסען געווארט, דערווייל איז געקוממען איין פייער אין האט דיא יונגעז פארברענט אין ער איז אנטלאפען געווארען, דער נאך האט ער געבויעט איין שעהן געבייא איבער דער הייל הייט צו טאג איז ארום קברי מלכי בית דוד געבויעט פערשיעדענע בנינים אין גערטנער, דיא אראבער געהען אהין יעדען פרייטאג בעטען, אין שכנות פון קברי מלכי בית דוד זענען דא פערשיעדענע בעטהייזער פון אנדערע אמונות.

**ה.** דער גאנצער פירטעל וואו קברי מלכי בית דוד איז, רופט זיך »ציון« ציון אין ירושלים איז איינס, דאס געפונעז מיר אין פיעל פסוקים אין תנ״ך, דאך דיא רעזידענץ וואו דוד המלך האט געוואונט האט מען גערופען ציון עיר דוד, פון ציון איז געוועזען איין בריק אריבער צו גיין אויף דעם הר הבית וואס האט זיך גערופען מלוא (שמואל ב׳ ה׳).



מגדל דוד



קברי מלכי בית דוד בציון



יד אבשלום



קבר זכריה ובית החפשית
ושאר הקברות בהר הזיתים





# קאפיטעל ה.

## הר הזיתים, יד אבשלום, קבר זכריה

**א.** הר הזיתים דער בארג פון דיא איילבירטען, צו מזרח זייט פון ירושלים, הויך 818 מעטער, ער הייסט אויך »הר המשחה«, היינט איז אויף איהם ניש דא קיין איילבירט ביימער, צווישען איהם אין ירושלים און דער »נחל קדרון« איין טאהל וואס אין רעגענצייט איז דא וואססער אין איהם, דאָרט איז אויך »עמק יהושפט«, אין נאך היסטאָרישע ערטער, וויא אויף דער מפה צו זעהען איז אויף דעם הר הזיתים זענען יודישע בית הקברות, היינט מיט מויערען ארום גע־נוממען, דיא פערשיעדענע געמיינדעס פוי יודען אין ירושלים האט יעדער בעזונ־דער אבגעטיילט איין בית הקברות, דיא עֶרד איז וויס אין הארט עס איז שווער צו גראבען דאָרט דיא קברים, קיין ווערים געפינען זיך ניש אין דיעזער ערד, דיא מצבות לייגט מען ליגענדיג איבער דער לענג פון קבר, טייל מויערען אונטער דיא מצבה מיט שטיינער ארום דעם קבר, מאנכע לאזען זיך גראבען איין קבר ביים לעבען אין בעדעקען עס מיט דער מצבה וואס דער נאמען איז שוין אויסגעקריצט (זעהע אויבען קאפיטעל ו' אות ז' איבער דעם הר הזיתים).

**ב.** אין טאהל וויא דער הר הזיתים הויבט זיך אן, געפונט זיך יד אבשלום, איין געביידע פאָן דיא וועלטס וואונדער, דאס האט זיך אויפגעשטעללט אבשלום דער זוהן פון דוד המלך (שמואל ב' י״ח) ווייל ער האט קיין קינדער געהאט עס זאלל בלייבען נאך איהם איין גערענקניש, אין ער איז גהרגט געוואָרען אין וואלד וויא ער האט נאך געיאגט זיין פאָטער דוד אין איז דאָרט בעגראָבען געוואָרען טייל חכמים זאגען מהאט איהם גיברענגט דאן אין בעגראבען אין יד אַבשלום.

**ג.** יד אבשלוב איז איין טורם א מעטער הויך דער אינטער טייל איז 6 מעטער קוואדראט איין שטיק שטיין, מעגליך דאס עס איז איין שטיק מיט דעם בארג, דער אויבערער טייל איז רונד אונד פון איינינע שטיקער צוזאם געזעצט, אַנ־געבליך איז אויף דעם שפיץ געווען אויסגעהאקט א האנד פון שטיין, דאַדורך האט עס געהייסען יד אבשלום, נור נאפּאָלעאָן בונפא״ט ווען ער איז געווען דאָרט האט ער געלאסט ארונטער שיעססען דיא האנד, אין האַט געזאַגט א האנד וואס האט אויסגעארטעט קעגען א פאטער זאָלל ווערען ציבראכען, דיא אבגעבראָכענע האנד געפינט זיך אין מוזעאום אין פאריז, פאר יר אַבשלום געפונען זיך פיעל שטיינדלעך, דיא טערקען זאָגען אז וועגען צו בעליידיגען אבשלוםווארפט יעדער אהין א שטיין, עס איז אבער איבערהויפט א מנהג אין ארץ ישראל אויף דיא קברים צו לייגען שטיינדלעך, דורך דעם איז אין מערות שווער אריין צו געהן ווייל זייא זענען באלד פיל פון דיא שטיינדלעך.

**ד.** אין דער נאָהנט פין יד אבשלום, געפינט זיך בית החפשית (מלכים ב' ט״ו) עוזיה המלך איז געוואָרען קרעציג איז ער ארו״ס געשיקט געווארען פין שטאדט האט מאן איהם געמאַכט דיעזע וואונונג. וואָ ער איז געבליבען ביז צום טויט, דאָרט איז א גרויסע הייל אין בארג

אויסגעהאקט

אויסגעהאקט, פאר דער הייל איז איין אָפענער גאניק וואָס זיין באלקען איז אויף זאָהלען, אין דאס איז אללעס אויסגעשניצט פון איין שטיק שטיין אין נארג זעלבסט.

**ה.** נאָהנט צו דיעזער הייל איז דער קבר הרב ר' עובדיה מברטנורא וואס האט געמאכט א פירוש אויף משניות, דער קבר פון הרב המרדכי על הרי"ף, און דער קבר פון ר' קלונימוס הזקן אין אויף זיין קבר איז א גרויסער הויפען שטיינער מען רופט איהם בעל נס ווייל אמאָהל האט א שר געמאכט א בלבול אויף יודען דאס זייא האבען גהרגט זיין זוהן, ר' קלונימוס האט דורך א שם דעם גהרג'טען לעבעדיג געמאכט און ער האט אויסגעזאגט ווער עס האט איהם גהרגט, דערנאָך האט ער ארויסגענומען דעם שם און ער צוריק געווארען טויט און יודען זענען ניצול געווארען, און ווייל ער האט משמש געוועזן מיט דעם שם האט ער צוואָה געלאסט מקַלל' שטיינער ווארפען אויף זיין קבר, ארץ ישראל יודען האלטען פאר א סגולה; אז מפאהרט קיין חוץ לארץ און מנעמט מיט א שטיינדל פון דעם קבר איז בטוח אז מוועט צוריק קומען בשלום.

**ו.** דאָרט געפינט זיך מצבת זכריה דער כהן און נביא וואס איז גהארג'עט געווארען אין בית המקדש (דברי הימים ב' כ"ד גיטין נ"ז) דיא מצבה איז פיערעקיג מיט א שפיציגען טורם 5 מעטער קוואדראט 9 מעטער הויך, דער טורם איז געמאכט גלייך ער וואָלט געשטאנען אויף 12 זאַלען, אבער דאס איז אללעס איין שטיק פונם בארג אויס געהאקט פון אללע זייטען דיא מצבה איז געבליעבען אויסגעהאקט אויף איהר נאטירליך ארט, אַרום קבר זכריה איז דא קברים פון רבנים צדיקים פון שפעטערע צייטען.

**ז.** אויף דעם שפיץ פון הר הזיתים געפונט זיך איין וואונדערבארע הייל וואס רופט זיך »קברי הנביאים« דארט איז דער קבר פון חגי מלאכי און אנדערע נביאים, דיא הייל איז הויך און גרויס און פיעל היילען איינע ציהט זיך צו דער צווייטע, גאנצע גאססען זענען דאָרט, דער מענש קען דאָרט פארערט ווערען, מאן נימט מיט ליכט דען איז דיא היילען איז טונקעל, און אלטע צייטען זענען פיעל מתפללים געגאנגען אין דיע היילען איז עס איז א וואונדער געוועזן דאס דיא מערות האבען פארנימען דעם גרויסען עולם, און דיא ווענט פון דיא מערות זענען דיא קברים, אויך מיט שטיינדלעך בעדעקט,

**ח.** דער קבר פון חולדה הנביאה (מלכים ב' כ"ב) געפונט זיך אויף דיא צווייטע זייט פון הר הזיתים, אין א הייל, דער וועג קיין יריחו גייט דורך דעם הר הזיתים צווישען דיא בית הקברות, צו דרום זייט פון הר הזיתים אונטען געפינט זיך דאס דאָרף סילוואן, נאהנט צו סילוואן געפונט זיך דיא »מקוה פון רבי ישמעאל כהן גדול« א קוואל ארונטער צו גיין מיט 16 טרעפ 35 מעטער לאנג און 1 און אהאלב מעטער ברייט איז דיא מקוה, דאָרט טובלט מען זיך און מהאלט דאס פאר א סגולה, אויך דיא גוים נעמען פון דיא וואסער אויף רפואות, דאס וואסער קוועלט פון אונטער דיא אונטערשטע טרעפ, אזוי וויא זיא ווערט פיל לויפט ארויס דאס וואסער מיט אגשרייא און דיא מקוה בלייבט לעהר, ווינטער געשעהט דאס 5—3 מאהל טעגליך, זומער 2—1 מאל טעגליך.

קאפיטעל ט.

# קאפיטעל ט.

## מערות (היילען) צדקיהו, כלבא שבוע, שמעון הצדיק, סנהדרין

**א.** אין צפון זייט פון ירושלים אין פעלזעי וואס אויף איהם איזט די מויער פון דער שטאדט, נאהנט צו שער שכם געפונט זיך מערת צדקיהו, איין אום געהייער לאנגע מערה, (עירובין ס"א ע"ב), רש"י ברענגט (מלכים ב' כ"ה) פון א מדרש דאס פון צדקיהו'ס הויז איז געגאנגען א הייל ביז יריחו, אין ווען ער איז אנטלויפען פון די שונאים דורך דער הייל האט הקב"ה צו געשיקט א הירש וועלכער איז אריין פון יענער זייט אין דער הייל די כשדים האבען געיאגט נאך דעם הירש אין האבען געטראפען צדקיהו שאן באלד ביי יריחו.

**ב.** אויף די אנדערע זייט פון דער לאנדשטראססע וואס גייט לעבען מערת צדקיהו, געפונט זיך »חצר המטרה« (ירמיה ל"ב) דארט איז ירמיה געווען איינגעקערקערט אין גרוב וואס געפונט זיך דארט.

**ג.** מערת (די הייל) כלבא שבוע געפונט זיך אין נייא ירושלים, איינס פון די וואונדערליכסטע זאכען אין ארץ ישראל. פון די גאס קומט מאן אין א הויף, (מצאהלט באקשיש) פון הויף גייט מען ארונטער 24 טרעפ 8 מעטער ברייט אונטען איז א גרויסער הויף אונטער דעם פרייעם הימעל, דארט געפינען זיך 2 מקוואות איינע העכער דער צווייטער, אין די שטיינער טרעפ אין די ווענט איז אויסגעהאקט ראהרען וואס ברענגען אריין די רעגענוואססער אין די מקוואות, אין די מקוואות אי' אויך דא טרעפ, אללעס אין פון שטיין פון דעם בארג, צו מערב זייט, פון דעם חצר איז אין שטיין אויסגעהאקט די פאר־האללע צום איינגאנג פון דער הייל, וואונדערשעהן אויסגעהאקטע פערציערונגען, בלומען, וויינטרויבען, זאהלען מיט קראנעז, לינקס איז דער איינגאנג צו דער הייל, ענג איז שמאל וויא די עפנונג פון א באקאפען 80 צענטי קוואדראט רונד, דא מוס מאן זיך אויף דעם בויך ארייגלאסען, ביי דיזען איינגאנג איז דא איין רונדיגער שטיין וואס מאן קוילערט צו צומאכען די עפנונג, אללעס פון דעם זעלבען שטיין, די הייל אינוועונדיג איז זייער גרויס אין שיין אויסגע־ארבייט אללעס פון איין שטיק, פיעל צימערן פון איינעם אין צוויי־טען, העכער אין טיעפער, מיט ליכט ווערט בעלייכט ווייל קיין פענסטער גיבטס ניש דארט, אין די ווענט איז דא אויסגעהאקטע ערטער וויא די ארונות זענען געלעגען, אויך איז געווען אין דער הייל ארונות פון שטיין מיט טייערע שניצערייען, היינט זעהט מאן גאר ניש, נאר לעצטע היילען, יאהר תרכ"ג איז געקאממען איין פראנצעזישער פארשער דע סאלצי אין האט צוזאממענגענוממען די ארונות, די ציענערנע כלים, די טירען אין די שטיינערע קברים אין האט אללעס אוועק געפיהרט צום האפען קיין יפו אין פאן דארט קיין פראנקרייך, די ביינער האט ער ארויסגעווארפען, וויא די יודען האבען זיך דערוואוסט פון דעם האבען זיא תיכף מודיע געווען דעם סולטאן אין קונסטאנטינאפעל, אבער ביז מהאט עטוואס געוואלט מאכען שריט קעגען איהם איז אללעס שאן געווען אין די שיפף

אויפן

אויפן ים, דיא אללע זאכען זענען אין דיא מוזעאום פון פאַריז, דיא ביינער האַ-
בען דיא יודען צוזאם גענוממען, און בכבוד גדול מיט טרויער אין פאס-
טען בעגראבען, יאהר תר"מ האט דיא פאמיליע פרירא פון פאַריז געקויפט דעם
גאנצען הויף, דער פראנצויזישער קאנסול האט געלאסט מאכען איין מויער ארום
דעם הויף, תרמ"ג האט פאמיליע פרירא געשענקט דעם הויף פאר דיא פראנ-
צויזישע רעגירונג, עס שטייעט בעשריבען אין אלטע ספרים פון וואונדער פון
דיא דאָזיגע קברים, און וויא יודען פלעגען גייען מתפלל זיין דורט וואס פיר וואונדער
געשעהן דארט, היינט איזט דאָרט נור איין וואונדערבארע הייל צו זעהן, כלבא
שבוע איז געוועזן א גרויסער עושר אין ירושלים (גיטין נ"ז) א גרויסער בעל
צדקה, ער האט אין חורבן צייט א סך יודען ערנעהרט, טייל זאגען אז דיא הייל
איז געוועזן דיא קברים פון הילני המלכה וועלכע איז געקוממען פון חדייב (אדיעבע
אין סיריען) אין האט זיך מגייר געוועזן אין קען זיין אז כלבא שבוע איז גי-
וועזן פון איהר משפחה דאדורך הייסט זיא מערת כלבא שבוע.

ד. אין דער נעהע פון מערת כלבא שבוע געפינט זיך מערת שמעון הצדיק, שמעון הצדיק האט נאך געקעהרט צו דיא נביאים וואס האבען
געהייסען אנשי כנסת הגדולה, ער איז גיוועהן א כהן גדול 40 יאהר ביים צווייטען
בית מקדש, 5 שטענדיגע נסים זענען געווען אין בית המקדש אין זיינע צייטען
(יומא ל"ט), יעדען יום כפור ווען ער איז אריין דיא עבודה מאכען אין קדשי קדשים
אט ער געזעהן איין אלטען מיט ווייסע קליידער איז מיט אריין אין ארויס גע-
גאנגען דאס לעצטע יאר האט ער דעם אלטען געזעהן אין שווארצע קליידער אריין
גען אבער ארויס ניש. האט ער געזאגט באלד דאס דאס איז זיינע לעצטע טעג
ער איז זיבען טאג נאך סוכות קראנק געווארען, איז געשטארבען (שם), אין זיינע
צייטען האט אלכסנדר מוקדון געוואלט חרוב מאכען ירושלים, האט ער זיך אנגעטוהן
דיא אכט בגדי כהונה און איז אלכסנדר'ן אקעגן געגאנגען, וויא אלעכסנדר האט איהם
דער זעהן איז ער אראפ פון זיין רייטוואגען און האט זיך געביקט צו איהם האַ-
בען זיינע שרים זיך געבייזערט, וויא קומט דער גרויסער אלכסנדר זאָל
זיך ביקען צו איין יוד, האט אלכסנדר געזאגט דעם מלאך ווען איך זעה וואס
איך ווייס אז איך וועל דיא מלחמה איינגעמען זעהט אויס וויא דער יוד, טאָמער
זעה איך ניש דעם מלאך ווייס איך אז איך וועל ניש זיגען, אלכסנדר איז מיט
שמעון הצדיק גוט בעפריינדעט געוואָרען און האט געבעטען מזאל אין בית המקדש
אריין שטעללען זיין בילד צום אנדענקען, האט שמעון הצדיק געזאגט דאס
קען איך דיר ניש טוהן וייל דאס אונז פערבאָטען נור איין גרעסער אנדענקען וויל
איך דיר מאכען, דאס אללע מענליכע קינדער וואס ווערדען דאס יאהר געבוירען
ווערדען זאלל מען רופען אלכסנדר, עס האט איהם ריכטיג געפאללען און האט
פיעל גאָלד געשענקט צום בית המקדש.

ה. אין דער פאָרהאללע פון דער הייל (מערה) איז אין שטיין פונם בארג אויסגעהאקט איין מקוה אין דיא רינעס וואס ברענגען צו דיא רעגענ-
וואסטער זענען אויך אין שטיין אויסגעהאקט, לעצטערע צייטען האט מען דיא מערה
פערגרעסערט, מילדע מענשען האבען דארויף געשפענדעט מען האט דיא מערה

גוט שעהן אהערגעשטעללט, צוגעגרייט לעמפ צום אנצונדען, דיא מערה מיט דעם ארומיגען שטח וואס רופט זיך »סנהדריה« האבען יודען אבגעקויפט אין יאהר תרל״ט דיא אשכנזים צוזאם מיט דיא ספרדים, מהאט דארט אויף געבויט הייזער פאר ארימע יודען צום וואונען.

**ו.** עס איז א מנהג אין ירושלים צו געהן 28 טאג אין אייר אין יארצייט פון שמעון הצדיק אויף זיין קבר, אויך געהט מען אהין ל״ג בעומר אין אסרו חג שבועות, דארט איז א שיינער גארטען מיט אליווען ביימער, מאן מאכט דארט גרויסע שמחות, דיא דרייא יעהריגע יונגליך ווערען דארט דאס ערשטע מאל אבגעשוירען, מיט שמחה און אויפגעהאלט, הייינטצוטאג ליידער זעהט מען דארט שמחה של הוללות פון דיא חפשים (פרייא דענקער) וואס קומען זיך צוזאם אבהאלטען א נאציאנאלען יום טוב, דיא אראבער קומען אהין און פערקויפען נבילות און טריפות, און דיא חפשים קויפען און עסען, וויא ווייא טוט דאס הארץ דאס צו צו זעהען, אמת שמעון הצדיק איז געווען א גרויסער קעמפפער פאר דער יודישער אומה, אבער אומזיסט האט מען איהם ניש גערופען צדיק, נור ווייל ער האט דיא תורה געהאלטען, וויא קומט דאס אז מזאל ביא זיין קבר עובר זיין אויף דער תורה.

**ז.** איין פאר שריט פון דער מערת שמעון הצדיק געפונט זיך מערת סנהדרי קטנה איין שעהנע הייל וואו עס זענען 23 קברים פון דיא סנהדרין, א האלבע שעה גאנג פון דארט איז מערת סנהדרי גדולה, א וואונדערפאללע מערה בעשטעהט פאן אבטיילונגען אין בארג אויסגעהאקט, דארט זענען דא 72 קברים און 2 ספרי תורה זענען דארט בעהאלטען, היינט איז שווער דער צוגאנג צו דיא קברים ווייל עס ליגען דארט פיעל שטיינדלעך, דיא גאנצע געגענד פון סנהדריה איז צו געפונען פיעל מערות, דארונטער וואונדערשעהן פערציערטע מערות, דיא ווערען ניש בעזוכט, דיא שכונתדיגע איינוואונער ווארפען און זייא דאס מיסט וואס מריינגט דיא הייזער, עס ווערט איבערהויפט דארויף ניש אכט געגעבען, איין שאדע.

# קאפיטעל י.

## שיהלען אין בתי מדרשות אין ירושלים

**א.** אין אלט ירושלים געפונען זיך פיעל שוהלען און בתי מדרשים, דיא אלטע שוהל וואס רופט זיך רבן יוחנן בן זכאי׳ס שוהל, זיא שטאממט נאך פון דיא צייטען פון חורבן בית שני, זיא איז און טיעפעניש מען גייט ארופ מיט טרעפ און איהר, און דיא וויבערשוהל גייט מען גראד פון דיא גאס, אין יאהר שמ״ו האט מאן זיא בענייט, זיא האט א בעזונדערען נאמען »קהל ציון« צו איהר זענען צוגעשלאססען נאך 3 שוהלען »קהל תלמוד תורה« (און דיעזער שוהל איז א קבלה דאס אליהו הנביא האט זיך בעוויזען), »קהל קטן« »קהל סטאמבול«, און דיעזע שוהלען דאבנען דיא פרענקען אויך ניש פיעל ווייל היינט וואונט שאן דאס פאלק מייסטענס אין דער נייער שטאדט.

**ב.** דיא »חורבה שוהל« זיא איז דיא שענסטע שוהל אין ירושלים, קינסטעלריש געבויט דיא געוועלבונג אָהנע זאָהלען 34 מעטער הויך, ארום דער געוועלבונג אָבען איז אויך דא פלאטץ פאר מתפללים, דאָרט זענען ארום ארום דא פענסטער פאָן דארט זעהט מען דיא גאנצע שטאדט אין דיע גענענד זעהר הערליך שעהן, אינוועגדונג איז דיא שוהל פון הויל מארמאָר שטיינער, מיט טייערע לייכטער, איין גרויסער חנוכה לייכטער פון זילבער שטעהט פאר דעם באלעמאָר, דיא שוהל הייסט »חורבה« ווייל אויף דעם אורט איז געשטאנען דיא אלטע שוהל וואס האט געהייסען »חורבת רבי יהודה החסיד«, אין שכנות איז געשטאנען דיא שוהל פון רמב"ן ז"ל וואס איז געקומען פאָר גענוי 700 יאָהר אין האט זיך צוגענוממען פון הפקר איין חורבה אין האט אויפגעבויט איין שוהל, מיט 350 יאהר שפעטער האבען דיא אראבער אוועק גערויבט דיא שוהל אין האבען פון איהר געמאכט איין מאָשעע וואס שטייט נאך היינט, יאהר ת"מ (היינט גענוי 260 יאהר) איז א רב מיט דעם נאמען רבי יהודה החסיד פין שידליץ פוילען געקומען וואוינען קיין ירושלים מיט פיעל יודען אין האבען געגרינדעט דעם ערסטען אשכנזישען ישוב, און האבען פון הפקר צוגענאממען דיא חורבות וואס זענען געווען אין שכנות פון דער פערשלאססענער רמב"ן שוהל, אין האבעי זיך דאָרט בעזעצט אין האבען דאָרט אויפגעבויעט א נייע שוהל, דיא האט מען גערופען חורבת רבי יהודה החסיד, אין יאהר תפ"א האבען דיא ערביים חרוב געמאכט דיא שוהל ווייל דיא אשכנזים זענין זייא שולדיג געווען פיעל געלד, דאמאלס איז דער אשכנזישער ישוב בטל געווארען, מיט איבער 100 יאהר שפעטער האט מאן דאָרט געבויעט איין נייע שוהל מיט וואויהנונגען אין יאהר תרי"ז האט בארון מו"ה משה מונטופיורי ז"ל בעקומען ערלויבנים, אין האט געבויעט דיא שוהל וואס מיר זעהען היינט דא, דאדורך הייסט זיא »חורבת רבי יהודה החסיד« נור מקירצט אב אין זאגט »חורבה שוהל« בשעת ווען מהאט געגראבען דיא פונדאמענטען צו דער שוהל האט מען געפונען אין דער טיעפעניש פון דער ערט גאנצע הייזער מיט שטיינערנע זאָהלען אַלטע גאלדענע מונצען און נאך פערשיעדענע אנטיקען, אויף דעם הויף פון דער שוהל געפונט זיך דיא ישיבה ע"ץ ח י י ם וואס לערנען מעהר וויא טויזענד תלמידים, פון חדר יינגליך ביז אלטע ישיבה לייט (דאָרט לערנען זיידעס מיט איייניקלעך און איין אנשטאלט), זיא ווערט אויפגעהאלטען פון נדבות פון יידישע שפענדערס, עס איז באמת א גרויסע מצוה דיא דאזיגע ישיבה צו אונטערשטיצען.

**ג.** „**תפארת** ירושלים" שוהל, זיא רופט זיך אויך ניסן'ס שוהל דיא האט געבויעט ניסן ב"ק אין איז דערפארטיגט געווארען דורך השתדלות פון הרב הצדיק רבי ישראל'טשע מרוזין זי"ע, יאהר תרל"ב, א גרויסע וואונדערשעהנע שוהל מיט געוועלבונג גלייך דער חורבה שוהל, פונעם דאך פון דער שוהל זעהט מען גוט דעם הר הבית אין דיא גאנצע שטאדט מיט דער אומגעבונג, אין דער אלטע שטאדט איז נאך דא דאס בית המדרש פון »אור החיים« הקדוש וואָ ער האט גידאוונט אין געלערנט, ער האט געפיהרט א גרויסע ישיבה, דער בעל שם טוב הקדוש ז"ל האט משתוקק געווען זיך צוזאם צו קומען מיט איהם, ער האט

דערבייא געהאבט א וועג צו ברענגען דיא גאולה, ער איז געפאהרען ביז קיין סטאמבול אין האט ווייטער ניש געקענט פוהרען איז האט זיך אומגעקעהרט, אין שכנות פון דעם בית המדרש איז דא דאס הויז וואס האריי הקדוש איז געבוירען געוואָרען, דאָרט לאסט מען קיין פארפאַלק ניש וואוגען נור איין אלטער מאַן וואונט דאָרט, ה׳ אב דיא יארצייט פון האר״י הקדוש קומט מען דארט צוזאם לערנען משניות אין קבלה פון האר״י הקדוש ז״ל, »בית המדרש חברת המכוונים« דיא ישיבה פון דעם מקובל הרב ר׳ שלום שרעבי דאסט ווערט געדאבנט לויט קבלה, אללע נאכט רעכט מען אב חצות אין מלערנט קבלה, נאך בית מדרשים אין ישיבות פון דיא כוללים געפינען זיך אין דער אלטער שטאדט וואס מלערנט פלייסיג. אין מדאבנט גאנץ פריה מיט בעגינן דאבנען דיא פארטייען וואס הייסען »ותיקין« פון דיע איז אין ארץ ישראל דא פיעל, אין אזוי דאַבנט איין מנין נאך דעם אנדערן ביז מיטאגצייט.

ד. אין דער נייער שטאדט איז אויך דא פיעל שוהלען אין בתי מדרשים פון דיא כוללים אין חברות וואס מלערנט אין מדאבנט שטענדיג, עס נויטיגען זיך פיעל שוהלען ווייל דיא בעפעלקערונג איז גרויס בלי עיה״ר, אין ווייל עס איז דא פיעל פארטייען, דיא אשכנזישע יודען זענען פיעל פארטייען יעדער וויל דאבנען וויא ער איז געוויינט געווען אין דיא גלות לענדער, דיא ספרדישע (פרענ־קישע) פארטייען, וואס זענען פון תימן, פון פערסיען, פון צפון אפריקא טונים אלזשיר מארוקו, מסתערבים וואס רופען זיך מערעשקאס דיא זענען נאָך געבליבען אין לאנד פון חורבן אויס, פון גורזיען, קאווקאס, בוכארא, טורקעסטאַן, בבל, בגדד, ארם צובה, דיא אללע האבען עקסטערע שוהלען אין בתי מדרשים ווייל יעדער דאבנט אויף איין אנדערן נוסח.

# קאפיטעל יא.

## חברון

א. חברון איז דיא צווייטע שטאדט איז היילינען לאנד וואס יעדער יוד גליסט זיא צו זעהען, דער אורט ווא אונזערע עלטערן האבען געוואונט, דאָרט געפונט זיך דיא הייל »מערת המכפלה« וויא אדם אין חוה אין דיא הייליגע אבות זענען בעהאלטען, אויך דיא אראבער האלטען דיא שטאדט פאר הייליג וועגען דער מערת המכפלה וואס אברהם אבינו דער פאטער פון זייער פאטער ישמעאל ליגט דאָרט, זיא רופען זיא »אל חליל« דיא שטאדט פון געליבטען אברהם, חברון פון ירושלים איז 37 קילאמעטער ווייט.

ב. אין חברון האבען געוואונט תמיד יודען זייא זענען געוועזען אויסגעצייכנעט מיט דער מדה פון גמילת חסדים, אין יאהר תק״פ זענין געקומען קיין חברון וואונען דיא חסידי חב״ד פון צפת און טבריא, טייל יודען האבען געהאנ־דעלט, דיא איבריגע האבען געלעבט פון אונטערשטיצונג פון דיא חוץ לארץ יודען, דיא גאס וואס דיא יודען האבען געוואונט איז געווען וויא איין הויף

מיט פיעל וואונונגען איינער, צוויא אין דרייא שטאָקק, אללעס פון שטיינער געבויעט, עס האט אויסגעזעהען וויא הייזער, קליינע ענגע שטיבלעך, דער טויער פון דיא גאס איזט אויף ביינאכט פערשפארט געווארען, עס איז ניש צו בעגרייפען וויא עס האבען געקעננט אזויפיעל מענשען דאָרט וואוינען, דיא ספרדים (פרענקין) האבען געהאט א בעזונדערע שוהל, אין אויך דיא אשכנזים, אין טויער פון דער גאס איז געווען אונטען איין לאָך צום אנדענקען פון א נס וואס איז אין אלטע צייטען געשעהען וואס איין שר האט גוזר געווען אויף די יודען זיא זאָללען איהם ברענגען א גרויסע סוממע געלד אין דאס געלד זאָל זיין דווקא א זאלכע מינצען וואס עס איז אונמעגליך געווען צוזאם צו ברינגען, יודען האבען תפלה געטאהן צו הקב"ה, איין מארגען האט דער רב געטראָפען איין לאָך אין טויער אין דאָרט האט ער געפונען דעם בעטראג געלד פון דיא זעלבע מטבעות וואס דער שר האט פערלאנגט, מהאט דאס געלד געגעבען דעם שר אין איהם דערציילט דיא מעשה ער האט נאטירליך שוין נוהג כבוד געוועזען צו דיא יודען דעם טויער האט מען בעהאלטען פאר איין זכר.

**ג.** פאָר ניין יאהר האט זיך דיא ישיבה פון סלאָבאָדקא פוילען איבערגעפיהרט קיין חברון, מיט זייער רבי הרב מו"ה משה מרדכי עפשטיין ז"ל, מהאט אין חברון פלייסיג געלערנט, אבער ליידער אין דיא געשעהנישען פון חדש אב שנת תרפ"ט, זענען דיא איינוואונער פון חברון אנטלאָפען ווער עס האט נאך געקענט בעציימענס אנטלויפען דעם רב איז אויך געלונגען בדרך נס צו אנטלויפען דיא איבעריגע אין דיא ישיבה בחורים האבען דיא אראבער ערמאָרדעט, איך האב אליין געזעהען דיא שטאדט וויא דיא יודען האבען געוואונט אין דיא שוהלען זע־נען חורב, דיא טיהרען אין פענסטער צובראכען ספרים צוריסען, איז היינט וואונט קיין יוד מעהר אין חברון, לויט נייע בעריכט וויללען זיך יודען אוז חברון ווייטער בעזעצען, חברון איז זייער א פרוכטבארע געגענד דארט זענען דיא בעסטע טרויבען אין וויינען פון גאנצען לאנד, רוזינען, גוטע אתרוגים, אין טייטלען, וואכסען אין דיא שיינע גערטנער אין פרדסים ארום חברון.

# קאפיטעל יב.

## מערת המכפלה

**א.** מערת המכפלה, בעדייטעט איין דאָפעלטהייל, עס ווערט געמיינט איין הייל העכער דער צווייטער, אונזערע חכמים זאגען נאך אנדערע טעמים אויף דען נאמען מכפלה, ווייל זיא איז געדאָפעלט מיט פארען, אדם וחוה, אברהם ושרה, יצחק ורבקה, יעקב ולאה, וואס זעניז אין איהר בעגראבען, נאך איין דעה אין מדרש האט זיא גלייך נאך אדם הראשון'ס בעגראבען געהייסען מכפלה ווייל אדם הראשון איז געווען זייער הויך האט איהם הקב"ה איינגעבויגען אין צווייען הייסט דאס דאָפעלט, אין פסוק (בראשית מ"ט ל' נ' י"ג) ווערט דאס פעלד פון דער הייל גערופען מכפלה, אויף דער מערת המכפלה זענען געבויעט גרויסע בנינים

אין א 12 מעטער הויכע מויער ארום זייא, דער אונטערער חלק פון דער מויער איז פון דיא זעלבע שטיינער וואס דיא כותל המערבי, עס איזט מקובל דאס דיעזע האט שלמה המלך געבויעט, אין דיא ווינקלעז פון צפון מערב און דרום מזרח געפינען זיך טירקישע מאָשעען, אין וואונונגען פאר זייערע גלחים און בעדיענטע, נעבען דער אלטער מויער איז דא איין טויער דורך וועלכען מען געהט מיט טרעפ ארויף אין דער מאָשעע וואס פיהרט ביז צו דער מערה, אָבער דיא טירקען לאססען קיין יוד ניש געהן נור ביז צו דער זיעבענטער טרעפ, יודען שטייען אויף דיע טרעפ בייא דער מויער און זענען מתפלל, און איינעם פון דיא גרויסע שטיינער וואס מאיז בייא זייא מתפלל איז דא אויסגעהאקט איין לאָך, עס איז מקובל אז דער איז אקייגען דיא היילינע קברים פון דיא אבות, דארט לאָזען דיא מתפללים אריין קוויטלעך וואָס משרייבט אויף דיא נעמען פון דיא וואס מאיז מתפלל פאר זייא געהאלפען צו ווערען יעדער מיט וואס איין ישועה ער ברויך, יודען שטייען דאָרט שרייען און וויינען . צו השי"ת און זכות פון אונזערע היילינע אבות באלד אין גיך געהאלפען צו ווערען, דער רמב"ן האט זיך דאס קבר ביים לעבען אויסגעגראבען אונטער דיא שטיגען ער איז ריכטיג דאָרט בעהאלטען געוואָרען.

**ב.** וויא עס איז צו זעהען און אללע אלטע און נייע בעשרייבונגען איז נאָך ניש געווען א מענש וועלכער ער העט געזאָללט זיין בייא דיא היילינע קברים, און ווער האט שאָן אינטערגעקויפט דיא וואך און איז אונטען צו דער מערה געוואָלט קוממען האט ער געמוסט שטיין בלייבען בייא איין טיער וואס איז אין דער ערד וועלכע איז דיא עפנונג פון דיא מערת המכפלה, דיא טיער איז פון שטארקע שטיקער אייזען וואס איין מענש קען ניש בעגרייפען וויא זאָ דיעזע זענען געמאכט געווארען, פון צווישען דיא אייזען קומט ארויס אשטארקער ווינד וואס אמענש קאנן ניש דערטראגען און מוז צוריק טרעטען, אזוי האָבען מעהרערע פאסירט, באָרון מו"ה משה מונטיפערי ז"ל האט בעקומען ערלויבניס פון סולטאן ארייננצוגעהן אין מערת המכפלה, וויא ער איז אריין איז דער מאָשעע האבען דיא טירקען געמאַכט קראַוואלען און 'האבען זיך גענומען שלאָגען דיא יודען פון חברון, אזוי איז ער צוריקגיטרעטען, איין לעגנדא ערצעהלט דאס דיא וואך האבען איהם געזאַגט דוא האסט ריכטיג בעקומען פון סולטאן ערלויבניס אין דער מערת המכפלה אריינצוגעהען, וועלען מיר דיך אריינלאססען, אבער ארויס צוגעהען האסט מעהר קיין ערלויבניס וועלען מיר דיך דרינען לאססען, אזוי איז ער ניש געגאנגען, אין יאהר תרמ"ב האבען 6 איירופאישע העררען בעקאממען ערלויבניס צו בעזוכען אללע מאָשעען העכער דער מערת המכפלה, איינער צווישען זייא איז געוועזען א יוד דער סקרעטער פון פאשא, ער האט בעשריבען גענוי דיא אללע בנינים וואס געפונען זיך דאָרט, וואונדערפאָללע זאהלען אויף דעם זעלבען סטיהל וואס דער מקום המקדש איז, דרייא צוגענג זענען דא דער צו דער מערה, אבער אללע זענען פערמויערט און פערדעקט מיט טעפיכען קייגען דיא קברים וואס אונטען זענן איז דא אבען ציונים וועלכע זענען ארומגעבויעט מיט שטיבלעך, קייגען שטיבל פון יצחק און רבקה האלטען דיא טורקען פאר א סכנה אריין צו געהען, מקען דורך דעם שטארבען אדער בלינד ווערען, אָבער אונטען און דער מערת המכפלה אריין געהען ניטמאהל דיא

טירקען

טירקען נור דיא צינדען אן לאמפען אין לאזען ארונטער אין דער מערה.

ג. בייא דער מערת המכפלה געפונען זיך אלטע חורבות, פון דיא חורבה פון איין גרויס הויז איז נאך דא דער רעשט פון גרויסע שטיינער ביז 5 מעטער לאנג אין יעדער זייט איז דא עפנונגען פון טיהרען אין שוועלען, אינוועגדיג געפונט זיך איין גרוב פון שטיינער אויסגעמויערט, עס איז אנגעבליך אברהם אבינו׳ס הויז, וואו ער האט געוואוינט, אין דער נאהנט געפונט זיך איין בריכה מיט קוועלעדיג וואסער דיעזע איז אנגעבליך דיא מקוה פון שרה אמנו, פאר איניגע יאהרען איז געווען דארט איין אלטער בוים וואס איז געוועזען אנגעבליך דער בוים וואס דיא מלאכים זענען אונטער איהם געזעסען, דעם בוים האבען דיא ענגלענדער אויסגעהאקט אין אהיים געפיהרט, דאס קבר פון אבנר בן נר געפונט זיך נאהנט צו דער מערת המכפלה אויף דער קאפף פון איש בשת (שמואל ב׳ ד׳)

ד. ביים שטראס וואס געהט פון חברון קיין ירושלים נאהנט צו חברון איז דא צווישען דיא וויינגערטנער א שעהנער גארטען, מיט א אייזערנעם צוים ארומגענומען איין הויף אין וועלכען עס געפונט זיך א אלטער בוים, זיין שטאמם איז מיט שטיינער ארומגעמוירט, דער בוים איז מיט אייזערנע פלעקער אונטער-געסטעמפעלט ער זאל ניש אומפאלען, זיין הייך איז ארונטער געלאזט אין אויך מיט אייזען פלעקער אינטערגעלאהנט, ער איז שאן זעהר טרוקען ער ווירד קינסטליך בעוויהטעט, אויף מאנכער ערטער גיבט ער הערוים בלעטער אין דיא בעזונבער נעמען פין זייא אויף אנדענקען אייבעל, דער זאלל זיין דער בוים וואס אברהם אבינו האט געפלאנצט אין באר שבע, דיא רוססען וואס פאר זייא איזט דאס גאנצע פעלד צוגעטיילט זאגען דאס דער איז דער בוים פון דיא מלאכים, ניש וויים פון בוים איז דא איין קוואל וואסער אנגעבליך פון אברהם אבינו׳ס ברונען, דיא בויערען גייען פריה אין דער ארבייט שעפען זייא אויס דיא ברונן אויף דעם אג-דערן מארגען איז דיא ברונן פול, מהאט געפריווט צו גראבען דאנעבען איין אנדערע ברונן נאך טיעפער אבער עס איז קיין וואסער ניש דא אין איהר.

ה. אויף דעם בארג קייגען דער מערת המכפלה ליגט ישי דער פאטער פון דוד המלך, איבער זיין קבר איז א טערקישע מאשעע, דארט ליגט אויך רות, עתניאל בן קנז, און פיעל גאונים וצדיקים פון שפעטערע דורות,

# קאפיטעל י״ג.

## קבר רחל אמנו

א. דאס קבר פון אונזערע מוטער רחל איז ביים וועג פון ירושלים קיין חברון, 8 קילאמעטער פון ירושלים, נאהנט צו בית לחם, (ב ראשית מ״ח ז׳) בית לחם איז דער געבורטס אורט פון דוד המלך, עס איזט היינט נאך א גרויס ישוב, אבער יודען וואונען דארט נישט, אנגעבליך איז דארט דער געבורטסאורט פון נוצרי אין אויך זיין קבר, דאדורך איז דארט פיעל קירכען יודען געהערען זיך גארניש אן מיט בית לחם.



מערת המכפלה



אשל אברהם



מצבת קבורת רחל



קבר רחל

# קאפיטעל יד.

## רמה, שכם, קבר יוסף

**א.** פֿאן ירושלים קיין שכם איז 59 קילאָמעטער, מאן פאהרט דורך »גבעת שאול«, פון דער ווייטען פון שפיץ בארג זעהט מען איין טורם דער אורט איז 7 אהאלב קילאמעטער פון ירושלים, דאס איז »רמה« דער וואונאורט אין קבר פון שמואל הנביא מיט זיין פאטער אלקנה אין זיין מוטער חנה, כ״ח אייר אין דיא יארצייט פון שמואל הנביא פלעגט מען ארוים געהן אהין דאבנען אין בלייבען נעכטיגען, אין אלטע צייטען האבען דארט געוואונט יודען, פלעגט מען זיך דארט צוזאמען קומען אין לוסטיג זיין, אויף דער רעכטער זייט פון לאנדשטראס איז »בית אייל, לוז«, פון דער ווייטער זעהט מען שילה וואו דאס משכן איז לאנגע יאהרען געשטאנען, דארט זענען דיא קברים פון עלי הכהן מיט זיינע זוהן חפני ופנחס, נאהנט צו שכם אין דעם פעלד וואס יעקב האט געקויפט פון חמור אבי שכם, דארט איז דער קבר פון יוסף הצדיק אין זיינע זוהן מנשה ואפרים. מצבות אויף דיא קברים אין איבער זייא א נייע בנין.

**ב.** שכם, איין אלטע שטאדט וואס ווערט אין תנ״ך פיעל מאהל ער־וועהנט, דיא ערביים רופען זיא »נאבלוס« שטאמט פון ניפולים (מדרש דבריט פ׳ ג׳), זיא איז געווען דיא רעזידענטשטאדט פון ירבעם בן נבט, נאכדעם איז דאס געוועזען שומרון, דארט זענען געוועזען רשעים וואס האבען עבודה זרה געדינט, פון דארט שטאמען דיא שמרונים־כותיים וואס געפונען זיך נאך היינט פון זייא אין שכם 150 נפשות, ביז פאר 100 יאהר האבען זייא נאך געדיענט עבודה זרה, איבראהים פאשא דער גרויסער העלד וואס האט געמאכט אָרדנונג אין לאנד ער האט זייא געוואלט פערניכטען אָבער זייא האבען אויפגעגעבען דיא עבודה זרה האט ער זייא געלאסט לעבען, זייא זענען נאך מקריב קרבנות אויף דעם הר גריזים זייא האבען א כהן גדול אין ער איז מקריב זייערע קרבנות, זייא האבען א ספר תורה וואס זייא זאגען אז אבישוע דער זוהן פון פנחס בן אלעזר הכהן האט עס געשריבען, אבער דאס איז בעוויזען פאר א ליגען, זייער כתב איז כתב ליבונאה, א אלטע לשון הקדש שריפט, זייא זענען גלייך צו דיא אראבער, נור שבת מאכען זיא קיין פייער ניש, איינינע פסוקים לייגען פון דער תורה ווען זייא קומען זיך צוזאמען שבת צום געבעט.

**ג.** אין שכם וואונען קיין יודען, שכם איז צווישען »הר גריזים« אין »הר עיבל«, הר גריזים איז איין וויסטער בארג הויך 938 מעטער דער הר עיבל איז בעפרוכטעט אין האט גוטע קוואלען וואסער, הויך 868 מעטער.

**ד.** פֿין שכם איז דער וועג קיין »טבריא« דורך »עמק יזרעאל« וועלכער איז דער גרעסטער עמק (עבנע) פון ארץ ישראל, טייל ערטער אין עמק זענען געוועזען טיעף, דאדורך האט זיך אין זייא געזאממעלט דיא רעגען וואסער אין האבען ניש געהאבט קיין אבלויף, איז אין זייא געווען פערשידען אונגעציפער וואס האט שלעכט לופט געמאכט, פון דעם זענען ענטשטאנען דיא פערשיעדענע

קראנקהייטען·

ב. קבר רחל איז איין פאר שריט פון שטראס, דיא מצבה וואס יעקב אבינו האט געשטעלט איבער דעם קבר געפונט זיך נאך היינט אבער דיא איז ארומגעמויערט אין אויסגעמאלטערט, ווארשיינליך איז דיא אריגינאל מצבה באלד אזוי גרויס וויא דאס בנין וואס מיר זעהען וועלכעס איז הויך 3 מעטער לאנג אויך 3 מעטער ברייט 1 אהאלב מעטער, דיא אלטע בעשרייבונגען ערצעהלען דאס דיא מצבה איז געוועזן אויס 11 שטיינער און איין גרויסער שטיין איבער זייא וואס איז אויף איהם אויסגעקריצט דער נאמען יעקב, זייער א שווערער שטיין דיא גלחים האבען דעם שטיין אוועקגעטראגען צו זייער עבודה זרה, צומאר־גענס איז דער שטיין פון זיך זעלבסט צוריק געקומען אויף זיין אורט דאס איז מעהרערע מאל געשעהן, וויא פון דיא בעשרייבונגען איז צו זעהען איז דיא מצבה פאר 400 יאהר ארומגעמויערט געווארען, מזאל ניש קענען רונירען דיא מצבה, איין געוועלבונג אויף 4 זאַהלען איז צו יענע צייטען געווען געבויט אבער דעם קבר, פאר 300 יאהר האט מחמד פאשא געבויט דעם בנין מיט דער געוועלבונג וואס שטייט נאך היינט איבער דעם קבר, אין בארון מר"ה משה מונטיפיורי ז"ל האט צוגעבויט איין פאַרהאללע דערצו,ביידע זענען פער 5 מעטער לאנג אין 4 מעטער ברייט.

ג. דאס בנין איבער קבר רחל איז איינגעריכטעט פאר איין בית המדרש מיט אללעם וואס איז נויטיג, מיט א ספר תורה, פיעל מאל דאווענט מען דאָרט מיט מנין, עס געפונען זיך דארט בענק צום זיצען אין שלאפען, דיא ווענד זענען בעהאנ־גען מיט פיעל טאָוולען אין פרוכת'ער פון זיידען מיט וואונדערשעהנע פערציערונג אין אויסגענייט נעהמען פון דיא שפענדער, וואס איהרע קינדער פון דער וועלט ברענגען אהין, עס געפונען זיך אויך לייכטער צום צינדען שמן זית פון דיא נשמות וועגען פון דיא קרובים וואס זענען דארט מתפלל, קייגען דער מצבה הענגט א גרויסער הענגלייכטער מיט פיעל שמן זית לעמפ, אללע ערב ראש חדש קומען ירושלי־מער יודען דארט דאבנען אין תפלות טוהן. י"א חשון איז דיא יארצייט פון אונזער מוטער רחל קוממט מען אבענד דער פריהער דאָרט דאבנען זאגען תהלים מבלייבט דאָרט נעכטיגען, עס ווערט דאָרט פיעל ליכט געצינדען אין בצבור געדאבנט, אין דער פאַרהאללע געפינט זיך וואסער צו וואשען אין בענק צום זיצען

ד. קבר רחל איז יודיש אייגענטום, איין שמש וואס וואונט אין ירושלים פער־פיעגט איבער איהם, ווער עס וויל געהן דעם קבר בעזוכען ווענדט זיך אן איהם, זייער אָפט זענען דיא בעזוכער בייא קבר רחל, יעדער וואס קוממט אהין ווערט שטארק נתעורר, א יוד בערעכענט זיך ער שטעהט אויף דעם אורט וואָ יעקב האט באגראָבען דיא צדקת רחל, וואָ יוסף האט ביטער געוויינט בשעת דיא מצרים האבען איהם אלס עבד דורכגעפיהרט, וואָ יודען האבען זיך אויסגע־גאסען זייער ביטער הארץ ווען נבוזראדן האט זייא געטריבען אין גלות, וואָ שיין אזויפיעל טויזענדער יודען אין אללע צייטען האבען שויז פיעל טרערען פערגאָססען, בייא אונזער מוטער רחל וואס דער פסוק זאָגט (ירמיה ל"ט ט"ו) רחל וויינט איבער איהרע קינדער, רחל ווערט אונגערופען דיא מוטער פון אללע יודען וויא אין דיא מדרשים שטייט.

## כתב ליבונאה



## מטבעות עבריות ישנות



א. שב לחר ישראל — ירושלם: ב. שמנעו — (כנור) להרות ירושלים:
ג. (לולב מאוגד ואתרוג) שנת אחת לגאולת ישראל — (שער הרחמים)
ירושלים: ד. (מקלו של אהרן) ירושלים הקדושה — (צנצנת המן) שנ
שקל ישראל. ה. לחרות ירוש — שמעון: ו. מטבע ישנה מזמן מאוחר
נחרתה בצורת מטבע שהיתה בזמן הבית:

קראנקהייטען, דיא נייע יודישע עולים האבען דאָרט פערמעגען אין ארבייט איינגעשטעקט, דיא פעהלער גוט צו מאכען, דער עמק איז אגוט אויסגיעביג געביעט אללעס וואקסט גוט אין עמק, תבואות גרינצייג, פירות, ווייד פיר בהמות, דער עמק איז אויסגעבויעט מיט וועגען אין שטראסען, פאָן דארט געהט דער שטראס קיין »נצרת«, איין אלטע שטאדט, ווא דער אותו איש איז אנגעבליך ערצויגען געוואָרען, דאדורך רופט מען זייא »נוצרים« דאָרט געפונען זיך פיעל נוצרישע קירכען, יודען וואוהנען ניש אין נצרת, פון נצרת קיין טבריא איז 27 קילאָמעטער.

# קאפיטעל טו.

## טבריא

**א.** טבריא איז איין אלטע שטאדט, אין תנ"ך (יהושע י"ט ל"א) ווערד זיא גערופען חמת אָדער רקת, שפעטערע צייטען האט זיא הורדוס אנטיפאטוס איבערגעבויעט אונד האט זיא גערופען טבריא צים אנדענקען פון קעניג טיבריאוס (מדרש רבה בראשית פ' כ"ג) א מויער פון קליינע שוואַרצע שטיינער געמט ארום דיא שטאדט, דיא מויער איז גרויס אין הויך מיט טירמע, צו מזרח ברויך זיא קיין מויער וייל דארט איז דער ים כנרת, דיא שטאדט איז געבויט אויף איין אלטען סטיל, דיא קרומע געסלעך איז דיא געוועלבער אלעס פערצייטיש. (דאס הייעריגע יאהר תרצ"ד ענדע אייר איז פלוצלינג געקומען א שטורם רעגען איבער טבריא אין האט פערפלייצט פיעל הייזער אין דער אלטע שטאדע, אַרום 20 נפשות אלטע לייט אין קליינע קינדער וואס האבען קיין כח געהאט צו אנטלויפען פון דיא וואססער זענען דערטרונקען געוואָרען דארונטער איניגע יודישע נפשות ו') אויסערהאלב דער אלטער שטאדט געפונט זיך דיא נייע שטאדע וועלכע ווערט געבויט אייראפעיש זעהר שעהן, היינטיגע עולים בזעטצען זיך פיעל אין טבריא וואס ווערט וואס א טאג גרעסער, דער שטח פון דער שטאדט איז זעהר הערליך, איין עבענע ביים ברעג פון ים כנרת

**ב.** ים כנרת איז אין דער תורה ערוועהנט, ער הייסט אויך ביא אונזערע חכמים ז"ל ים גנוסר, זיינע וואסער זענען גוט צום טרינקען, עס געפונט זיך אין איהם פיעל פיש, אויך דער חלזון, דער ים כנרת איז לאנג פון צפון אויף דרום 21 קילאָמעטער, אין צום ברייטסטען איז ער ווא דער טייך וואדי סאמאק פאלט אריין אין איהם, דאָרט איז ער ברייט 11 אַהאַלב קילאָמעטער, עס פאהרען אויף איהם דאמפשיפען פיר פערסאָנפערקעהר, תבואות און בעזונדערס גוטע פירות וואקסען דאָרט איז אלטע צייטען זענען דיא פירות גאר בערוהמט געווען, מהאט זייא גערופען פירות גנוסר (ברכות כ"ד ע"א).

**ג.** דאס קלימאט אין טבריא איז דאס הייסעסטע פון גאנץ ארץ ישראל וייל דאָרט איז דער ניעדריגסטער באָדען, 206 מעטער אונטער דער מעהרעספלעכע (זעהע אָבען קאפיטעל א' אות ט') דיא לופט איז אבער זעהר געזונד, אויך דער ים כנרת מיט זיינע גוטע וואסער צום טרינקען און באדען מאכען אנגענעהם דאס וואָהנען אין טבריא.

ד. אויסערהאלב

ד. איסערדהאלב טבריא אויף דעם ברעג פון ים כנרת פליעסען פון איין בארג אונאויפהערליך הייסע וואסער, וועלכע מען רופט »חמי טבריא« דיא ווארמע קוועלען פון טבריא, דיע זענען בעריהמט אין דער וועלט, דיא חכמים זאגען (שבת ל״ט) דאס דיא וואסערען געהען דורך דיא טיהר פון גיהנם, אָבער זייא זענען איבערגעבליעבען מיט נאָך אנדערע הייסע קוועלען פין ארץ יישראל, נאָך פון דעם מביל, דיא נאטורפאָרשער ערקלערן דאס דיא וואססער קומען פין טיעפענעש אין קוועללען דורך הייס שוועבעל אין פערשיעדענע זאלצען, דאדורך פיעלט מען אין זייא דיא אללע טעמים, דיא וואססער זעגנען הייס 62 גראד צעלזיוס אין קומען דורך 5 קוואלען פון בארג, מען קענן קאָכען איז זייא איין איי, אין אז מען וויל זיך באדען אין זייא מוס מען זייא אבקיהלען, זייא וענען היילוואסער געמליך צום באדען געגען רעהומאטיסמוס אין הויט קראנקהייט, צום טרינקען געגען פערשטאָפּפונג, לייט קומען פון וייט בעשטענדיג זיך באדען אין דיא חמי טבריא, עס איז היינט שאָן מאָדערן צוגעגרייט שעהנע בעדער דאָרט, דער אלטער באָד דיענט פאר דעם ארמען פאָלק, אויטומובילען גייען אין קיממען פון דער שטאדט יעדע האלבע שטונדע.

ה. טבריא איז איממער געווען בעזעצט פון יודען, גלייך נאך דעם הורבן האבען זיך דיא סנהדרין אין טבריא בעזעצט, עס איז בקבלה דאס אין טבריא וועט זיך משיח צום ערשטען בעוויזען, רבי יהודה הנשיא האט פערפאססט דיא משניות אין טבריא (יאהר 3948), דאמאלס האט ער דאָרט געוואונט, פאָן דאָרט האט ער געהאבט איין אונטערערדישע פערבינדונג מיט קעניג אנטונינים (עבודה זרה, י׳ ב׳), ר׳ יוחנן האט פערפאססט דארט דעם תלמוד ירושלמי וועלכער איז אויסגעפערטיגט געוואָרען נאך זיין טויט (יאהר 4128), אין דיא צייטען האבען פיעל יודען אין טבריא געוואונט זייא האבען געהאט 13 שוהלען, שפעטערע צייטען האבען אויך פיעל יודען און גרויסע חכמים געוואונט אין טבריא, דערנאך איז פערשיעדענע צייטען געקומען איבער טבריא, דיא קרייצציגע פון דייטשלאנד האבען ארויסגעטריבען דיא יודען בכלל פון ארץ ישראל, פון גלות שפאניען אין פורטוגאליען זענען פיעל יודען געקומען קיין ארץ ישראל, אין יאהר 280 איז געקוממען פון שפאניען דון יוסף פירסט פאָן נאקסוס וואס האט בעקומען חן בייא סולטאן סולימאן דעם גרויסען האט ער איהם געשענקט טבריא מיט איהר אומגעבונג אין ער האט דיא מויערען אויפגעבויט אין פיעל הייזער וועלכע ער האט בעזידעלט מיט יודען בעלי מלאכות פון וועבערייא און שטיקערייא ער האט אויך געקויפט באָרען פאר יודען צו בעארבייטען עס האט איין צייט געדויערט אונד שפעטער בטל געוואָרען, יאהר 550 האט זיא הרב ר׳ חיים אבואלעפיע אויסגעבויעט, אין איהר אויפגעשטעלט א שוהל א באָד א פרעס אויף ישמן, ער האט געמאכט שטראסען, אין עס האבען זיך באזעצט פיעל יודען מיט תלמידי חכמים.

ו. יאהר תקכ״ה זענען געקומען קיין טבריא דיא צדיקים ר׳ נחמן הארארענקער ר׳ מענדל פרימושלאנער זיא האבען געגרונדעט דעם אשכנזישען ישוב אין טבריא, נאך זייא איז אויך געקומען דער צדיק ר׳ מענדל וויטעפסקער אין ר׳ אברהם קאליסקער אין מיט זייא זענען געקוממען 300 מאנן, זייא האבען געגרונדעט

דעם



קבר רבי מאיר בעל הנס



חמי טבריא



צפת



טבריא

1 2 3 4 5 6 7 8 9 10

1 2 3 4 5

דעם ערסטען אשכנזישען כולל אין מעדהערע בתי מדרשים וועלכע שטייען נאך היינט, יאהר תקצ"ז איז טבריא און צפת אין טאג כ"ד טבת חרוב געוואָרען פון איין ערד ציטערניש עס זענען ארום 2 טויזענד נפשות אומגעקומען, מהאט אבער באלד דיא שטאדט צוריקגעבויעט, און אזוי ביז דעם היינטיגען טאג איז א שיינער ישוב אין טבריא, דיא יונגסטע שטרעמונגען קיין ארץ ישראל ברענגען קיין טבריא פיעל עולים, וויא שאָן אָבען ערוועהנט.

**ז.** פון דיא אלטע שוהלען אין טבריא געפונען זיך נאך היינט דיא שיהל וואס דער אר"י הקדש האט אין איהר געדאבנט און איין ווינקעל צו מערב זייט און ער האט געזאגט דאס דאָרט איז א קדושה פון גאַר אלטע צייט, אנגעבליך האט דארט יהושע בן נון מתפלל געווען. זיא שטייט הארט ביים ים כנרת זיא געהערט צו דיא ספרדים, נעבען איהר שטייט א אלטע שוהל וואס גיהער צו דיא אשכנזים, און אנדערע בתי מדרשות אללע אויף דעם ברעג פון ים כנרת, טייל האבען געגג צום ים, זייא דאבנן צו דרום ווייל דיא זייט איז צו ירושלים און דיא טערקישע גאס געפונט זיך א חורבה פון דער שיהל פון של"ה הקדוש, איין מקוה איז אין נעהע פון דיא בתי מדרשים וואס איז געבויט אין ים כנרת.

# קאפיטעל טז.

## קברים פון צדיקים אין טבריא

**א.** בייא דעם טויער פון מערב זייט פון טבריא זענען דיא קברים פון דיא סנהדרין וואס זענין נאך דעם חורבן פערטריבען געווארען קיין טבריא, אקעגען דער מויער פון צפון זייט זענען דיא קברים פון ר' יצחק נפחא און אנדערע צדיקים, ארויס פון דער שטאדט איז דא איין בית הקברות דארט זענען דיא קברים פון ר' יוחנן בן זכאי ר' יוחנן האמורא רב חננאל רב ברונא, רבינו משה בר מימון (דער רמב"ם) און זיין פאטער רבי מימון, אויף דעם רמב"ם קבר האט מען געטראפען דיא אלטע מצבה זיא איז דיא צייטען איבערנייעט געוואָרען מיט איין פרעכטיגען קושה, (דער רמב"ם איז נפטר געוואָרען אין מצרים כ' טבת ד' תתקס"ה 4965 מהאט איבעראל געמאכט גרויסע הספדים, און מהאט איהם געפיהרט קיין ארץ ישראל אויף דעם וועג האבען רייבער געוואָלט בעפאללען דיא מענשען, זייא זענען אנטלויפען, וויא דיא רייבער האבען געזעהן דאס דאָרט איז ניש דא קיין פערמעגען האבען זייא דעם אָרון געוואלט ווארפען אין ים, זייא האבען איהם ניש געקענט ריהרען פון אורט אפילו זייא זענען געוועזן 30 מאן, האבען זייא געזאגט דאס איז אוואדאי א געטליכער מאנן, האבען זייא גערופען דיא מענשען און האבען געהאלפען דער ארון זאָלל זיכער אנקומען אויף זיין בעשטיממט אורט, דאָרט איז אויך דער קבר פון רבינו מו"ה ישעיה הלוי הורוויץ זצ"ל, דער מחבר פון הייליגען של"ה.

**ב.** קעגען דעם בית הקברות צו מערב, איז דא אגרויסער בארג און וועלכען עס איז פערצייטען געווען א בית הקברות, דארט געפינען זיך אין א

מערה, דיא קברים פון רב חייא מיט זיינע צוויא זוהן יהודא און חזקיה, רב הונא וואס איז געבראכט געווארען פון בבל, און רב המנונא סבא, אויף דעם שפיטץ בארג איז דאס קבר פון רבי עקיבא אין א מערה, דיא מערה פארמויערט, און פון דרויסען איז א מצבה אקעגען דעם קבר, דער מדרש זאגט דאס רבי עקיבא איז נפטר געווארען אין תפיסה (נאך דעם וויא מהאט איהם שטארק געפייניגט, ער איז פון דיא צעהן הרוגי מלכות) אים יום כפור האט אליהו הנביא וויסען געמאכט פיר יהושע הגרסי זענען זייא ביידע געגאנגען און האבען געטראפען דיא תפיסה אָפען און דיא וואך שלאפען, האבען זייא גענומען רבי עקיבא און האבען איהם געטראגען ביז דעם אורט אנטיפרוס האט זיך געעפענט דיא מערה און וועלכער זייא האבען געזעהן א שטיהל א באנק א טיש א בעט און א לייכטער, דאָרט האבען זייא רבי עקיבא געלייגט און זענען אוועק פון דאָרט אזוי האט זיך דיא מערה פארמאכט דאס ליכט איז געבליבען ברענען איבער דער מטה, אויף דעם בארג זענען דיא קברים פון זיינע 24 טויזענד תלמידים.

ג. אויף דער צווייטער זייט פון טבריא ביים ברעג פון ים כנרת און דער נעהע פון דיא הייסע קוועלען געפונט זיך דער קבר פון תנא רבי מאיר בעל הנס, ער האט צוואה געלאזט מזאָל איהם ביים ים לייגען, און זיין ה"ר איז ער געוועזן דער גרעסטער מאנן, (עירובין י"ג) ער האט פאר איין מאנן וואס איז געוועזן אין א צרה געהייסען זאגען אלקא דמאיר עניגא (גאָט פון מאיר ענטפער מיר), און דער יעניגער איז געהאלפען געוואָרען פון דער צרה, עס איז א מנהג צווישען אלע יודען מנדר צו זיין צדקה אויף בוימעל צו צינדען אויף דעם קבר פון רבי מאיר בעל נס, פון דעם געלד וואס קומט צוזאמען צינד מען שטענדיג אויף זיין קבר, דאס איבריגע צעטיילט מאן פאר דיא אָרמע לייט אין ארץ ישראל, דאס זענען דיא פישקעס וואס געפונען זיך בייא יעדען יוד אין שטוב, וואס מגיבט צדקה בייא יעדער געלעגענהייט און דורך דער צדקה פועלט מען אללע מיני ישועות, אין זכות פון הייליגען תנא רבי מאיר, דער מדרש תלפיות שרייבט, עס איז בקבלה ווען יעמאנד פערליערט עטוואס זאָלל ער גלייך מנדר זיין צדקה לרבי מאיר בעל נס וועט ער דיא אבידה טרעפען, נור מזאָל ניש פערזיימען דיא צייט.

ד. דער קבר פון רבי מאיר בעל נס איז אין אמערה און אויף דער מערה איז געבויט א גרויסע שוהל איין אבטיילונג פאר אשכנזים דיא צווייטע פאר ספרדים, און א מויער וועלכע שטייט אקעגען דעם קבר איז צווישען זייא. דער אורט פון קבר ווערט אין אלע צווייא זייטען געזעהן, דיא שוהל רופט זיך »כתנות אור« דאָרט זיצען תלמידי חכמים און לערנען תורה, יאהר תר"ס איז אין שכנות פון דער שוהל געבויעט געוואָרען א גרויסעס געביידע פיר א ישיבה וואס רופט זיך »אור תורה«, און וועלכער מלערנט אויך היינט זעהר פלייסיג, איך דער שרייבער פון דיא צייליען בין געוועזן פיל הערצענפרייד צו זעהן תלמידי חכמים יונגע לייט און עלטערע און גאר אלטע לייט לערנען תורה מיט א זיסס קול, דער ראש ישיבה א גרויסער מאנז לערנט צייטענווייס פאָר, און איז שטענדיג צו האבען יעדען צו ענפערען, זייא האבען דאָרט קוואטירען צום נעכטיגען זעהר אנשטענדיג און דיין אויך א קיך געפונט זיך דאָרט דען א טייל

לומדים זיצען דארט א גאנצע וואך איז גייען נור אויף שבת אין שטאדט אין זייער היים, דיא ישיבה פערדיענט גרויס שטיצונג, עס איז אווארע מצוה זייא מחזיק צו זיין.

**ה.** ביא קבר רבי מאיר בעל נס געפונט זיך דער קבר פון רבי ירמיה אויף וועלכען עס איז דא א הויפען שטיינער אלס מצבה, לעצטערע צייט האט א גוטער ייד געלאסט מאכען א אייזערנעם צוים ארום דעם קבר, אויף דעם בארג ליגען רב אמי ורב אסי, רב כהנא, רבי זירא ליגען אויך אין טבריא, אנגעבליך ליגט אין טבריא רבי יהודה הלוי וועלכער איז בעקאנט אלס גרויסער פועט (משורר) ער האט פיעל פיוטים געשריבען, פיעל ווערען געזונגען נאך היינט ביי אללע יודען טייל ביי אשכנזים טייל ביי ספרדים, ער האט מחבר געווען פיוטים איבער ארץ ישראל צו וועם זיין ליבשאפט איז געווען איבער דער נאטור, דיא ציונים פון דיא קינות לתשעה באב האט ער מחבר געווען ווא ער גיעסט אויס זיין הארץ פאר בענקעניש נאך דעם הייליגען לאנד פון קדושה און נביאה, יאהר 4900 ביי זיין 60 טען לעבענסיאהר האט ער מיט אויפאָפפערונג אונטערנומען דיא רייזע נאך ארץ ישראל, וואס איז ווייטער געשעהן מיט איהם איז ניט קלאר, אנגעבליך אנקומענדיג קיין ארץ ישראל פאר גרויסע פריידע איז ער אבגעשטיגען פון דער בהמה וואס ער איז אויף איהר געריטען אין איז געקראָכען אויף הענד אין פוס אויף דער הייליגער ערד זיא קישענדיג, איין טערק האט אויס אייפערזוכטיגקייט אוהם צוטרעטען מיט זיין פערד, אין איז צו קבורה געקומען אין טבריא, טייל זאָגען דאס ער ליגט אין כבול צוזאממען מיט זיין איידעם הרב ר' אברהם אבן עזרא.

**ו.** דאס נייע בית הקברות איז אויף דעם וועג צווישען טבריא אין דיא הייסע קוועלען, דאָרט ליגען דיא צדיקים פון שפעטערע דורות, א תחום שבת ווייט פון טבריא צו מערב זייט געפונט זיך א מערה מיט דיא קברים פון יוכבד דיא מוטטער פון משה רבינו אין זיין ווייב צפורה, אין אלישבע בת עמינדב דאס ווייב פון אהרן הכהן, לויט מאנכע אויך בלהה און זלפה.

# קאפיטעל יז.

## צפת

**א.** צפת איז ביים לאנדשטראס וואס געהט פון טבריא קיין חיפה, פון טבריא קיין צפת איז 33 קילאָמעטער, דער וועג געהט כסדר בארג אויף, אויף נאר הויכע בערג, ווייל צפת איז העכער וויא טבריא א ערך פון טויזענד מעטער, דיא געגענד הייסט דאדורך גליל העליון אָבערע געגענד, צפת האט ארום זיך זעהר א שעהנע געגענד פון פרוכט אין וויינגערטנער, אתרוגים לולבים הדסים וואקסען דאָרט פיעל, פון שפיץ פון דעם הויכען בארג וואס געפונט זיך מזרח קען מען זעהען דעם ים כנרת, דיא צפת'ער לייט מאכען דאָרט תשליך ראש השנה, אויף דעם בארג געפינען זיך גרויסע פעסטונגען מיט פעסטע מויערען פון גאר אלטע צייטען פון גרויסע שטיינער געבויעט, דוא רופט מאן »מצודת יופירם«, צו דרום פון דער שטאדט

שטאדט געפונען זיך דערגלייכען גרויסע פעסטונגען דיא רופט מאן »מצודת יוסף«, עס געפונט זיך דאָרט אויך א גרויסע געביידע מיט א טויער מיט טרעפ ארויף צו געהען, וועלכע מען רופט »מדרש שם ועבר« דארט לאָזען דיא אראבער קיין יוד צוקומען זייא רופען דעם אורט »דער אורט פון קלאגען« זייא זאגען דאס דאָרט האט יעקב געקלאגט איבער זיין זוהן יוסף, בארון מו"ה משה מונטיפיורי מיט זיין ווייב ע"ה האבען בעקאממען ערלויבנים צו בעזיכטיגען דיעזע געביידען, זייא האבען ערצעהלט פון וואונדערליכקייט אין גרויסקייט פון דער מערה אין דאס אין איהר איזט דא פיעל קברים וואס זעניך גלייך צו דיא קברים פון דיא סנהדרין אין ירושלים, אויך נייע קברים געפונען זיך דאָרט.

**ב.** דיא גאס וואס דיא יודען וואונען אין דער אלטער שטאדט צפת צוהט זיך בארג אפ. פון ווייטען זעהט אוים גלייך העטען געשטאנען איין הויז העכער דעם צווייטען, דאָרט געפונען זיך נאך הייזער וואס דיא דעכער זענען מיט ערד בעדעקט, ווען עס רעגענט מוס מאן דיא ערד אוים וואלגערען עס זאלל אין דיא שטיבער ניש אריין רעגנען, בייא גרויסע רעגען קעננען זאָלכע הייזער איינפאל־לען פיעל הייזער זענען שוין געבויט מיט שטיינערנע דעכער אָדער צעמענט, אויף דיא דעכער בעדיענט מען זיך, דאָרט מאכט מען דיא סוכות, דיא הייזער וואס זענען נאהנט שפאציערט מען איבער דיא דעכער פון איינעם צום צווייטען, דיא וואונונגען זענען אויף דעם אלטען סיסטעם געבויט ענג אין קליין (זיהע אָבען קאפיטעל ד' אות ב'). אין דיא נייע שטאדט זענען שאן דיא הייזער געבויט איירופעאיש מיט שיעפע דעכער פאָן שארבען אדג"ל מיט רינעס וואס גיסען דיא וואסער אין דיא בורות (זיהע אָבען קאפיטעל ד' אות ג')

**ג.** דער יודישער ישוב אין צפת האט זיך אנגעהויבען אין דיא צייטען פון רמב"ן א ערך 700 יאהר, אין דיא צייטען פון גלות שפאניען אין פורטוגאל האבען זיך פון דאָרט פיעל יודען בעזעצט אין צפת וועלכע זענען געוועזען דיא גרעסטע מעננער פון ישראל, פאָן דארט שטאמט דער »שולחן ערוך« פון רבינו מו"ה יוסף קארו, דיא »קבלה« פאָן רבינו מו"ה משה קורדיווירו אין רבינו מו"ה יצחק לוריא האר"י הקדוש, דער גרויסער דרשן הרב מו"ה משה אלשיך, דער בעל מקובל אין משורר הרב מו"ה שלמה הלוי אלקבץ וועלכער האט מחבר געווען דעם »לכה דודי« צו קבלת שבת, אין נאך פיעל א זאָלכע גדולי ישראל וואס ליגען אויף דעם בית הקברות אין צפת וועלכער געפונט זיך גלייך נאך דער יודישער גאס בארג אב.

**ד.** בייא דעם בארג אונטען געפונט זיך א גרויס שעהן געביידע פון שטיינער אין וועלכען עס געפונט זיך דיא מערה מיט דעם קבר פון נביא הושע בן בארי איין וועניג ווייטער איז דער קבר פון בארי זיין פאטער, דאס געביידע איבער דער מערה האט איין גוישער שר געבויט וועלכער איז אנטלויפען געווארען פון א זיכע־רען טויט אין האט זיך אין דער מערה בעהאלטען, אין וויא ער איז גערעטעט גע־ווארען האט ער געבויעט דיעזעס געביידע. פריהריגע צייטען פלעגט מען אללע די־ענסטאג געהן לערנען אין דאבנען איז דעם הויז, בייא דעם אורט געפונט זיך דיא מקוה פון האר"י הקדוש, ניש ווייט פון דאָרט געפונט זיך דער קבר פון רבי פנחס

בן יאיר, אויף איין אקערפעלד, אויף דעם קבר איז דא אַ הויפען שטיינער, מהאַט שוין פרובירט צו בויען א ציון אויף זיין קבר, עס איז אבער ניש דורכגעפיהרט געווארען ווייל דיעזער הייליגער תנא האט ביים לעבען אויך ניש געוואלט פון קיינעם א הנאה האבען, (חולין דף ז'), דער אראבער וואס איז דער אינהאַבער פון דאָזיגען פעלד האט געשטערט דיא לייט זאלען ניש קומען אויף דעם קבר ווייל זייא פערדארבען איהם דיא תבואה, ער איז קראנק געוואָרען, אין דאס פעלד האט אויפגעהערט צו וואקסען תבואה, דער גוי האט שאן געלאזט פון דאמאַלס אַן געהען אויף דעם הייליגען קבר, פון דעם קבר זעהט מאן גראד דעם קבר פון זיין איידעם רבן שמעון בן יוחאי אין מירון.

# קאַפּיטעל יח.

## דיא שוהלען אין דער היינטיגער ישוב אין צפת

**א.** אין אלטע צייטען איז געווען 17 שוהלען אין צפת, אין יאהר שצ"ב זעגען טייל שוהלען חרוב געוואָרען, היינט צו טאג זענען דא אין צפת דיא שוהל פון אר"י הקדוש, אין וועלכער עס געפונט זיך אין א זייטען וואנד דאס שטיבעל וואס דער אר"י הקדוש האט געלערנט, דיא שוהל פון הרב ר' יצחק אביהב אין דער שוהל האט אויך דער אר"י הקדוש געדאבנט אנגעבליך האט אליהו הנביא געדאבנט אין דער שוהל, דאָרט געפונען זיך דיא 2 וועלטבעריהמטע ספרי תורות איבער וועלכע מען דערציילט פערשיעדענע וואונדער, איינע איז פון רבי יצחק אבוהב מען ליינט אין איהר נור 3 מאהל אין יאהר ראש השנה יום כפור אין שבועות דיא צווייטע איז פון ר' שלמה אבוחנה ליינט מען אויך נור דאמאלס מפטיר, דאמאלס קומט מאן אין דער שוהל פון אנדערע שוהלען דאבנען, דיא שוהל פון ר' יוסף בנאה וואס איז ערוועהנט אין מדרש פרשת בא, אין דער שוהל איז דיא מערה וואו זיין קבר געפינט זיך, איבער דער מערה איז דיא ווייבער שוהל, דארט ברענען תמיד ליכט, דעם צווייטען טאג פסח דאבנען דאָרט פיעל לייט, דאס בית המדרש פון ר' יוסף קארו דער מחבר פון שלחן ערוך, דיא שוהל פון אלשיך, זעהר א שעהנע, אין דיא שוהלען דאבנען דיא ספרדים (פרענקען) עס זענען דארט צווייא אשכנזישע שוהלען, דיא זענען געבויעט אויף דעם אורט וויא דער אר"י הקדוש האט מקבל שבת געווען דאמאלס איז דער אורט געווען א פרייא פעלד אויסער דער שטאַדט, עס זענען נאך דא אין צפת פיעלע בתי מדרשים פון לעצטערע צייטען, וועלכע דיא כוללים האבען געבויעט.

**ב.** דער ישוב אין צפת ליידער האלט אין איין אבנעהמען, דיא פרנסה אין צפת איז שווער דאדורך זענען דער מעהרטייל פון דיא צפת'ער איינוואוהנער אויסגעוואנדערט, ישיבה לייט וואס וערען אינטערשטיצט פון דיא כוללים ווערען וואס אמאהל וויינגער ווייל זייא קענען ניש אויסלעבען פון דער שטיצע, דאדורך זענען דיא שוהלען אין בתי מדרשים ווענינ וואס בעזוכט, אין צפת וואוינען היינט בסך הכל 2 טויזענד 500 יודישע נפשות, עס איז ראטהזם פאר דיא נייע עולים זאָללען זיך בעזעצען אין צפת אין ארויסזוכען פרנסה צווייגען.

# קאפיטעל יט.

## מירון, קבר רבן שמעון בן יוהאי

**א.** מירון, א קליין דארף ביים לאנדשטראס וואס געהט פון צפת קיין חיפה, גאר נאהנט צו צפת נור דער וועג דרעהט זיך זעהר ווייל ער געהט אין הויכע בערג אריין, דער וועג איז וויא אללע שטראסען אין לאנד גוט אויסגעארבייט מיט אספאלט, מירון איז אונטען בייא א גרויסען בארג, אויף דעם בארג געפונען זיך נאך דיא רעשטען פון א גרויסער שוהל וואס האט געבויעט רבן שמעון בר יוחאי, דיא שוועלען אין ביישטילען זענען פון איין שטיין וואס איז 5 איילען לאנג.

**ב.** דער קבר פון רבן שמעון בן יוחאי איז אין א מערה אין מרון, פון דער מערה דערצעהלט אונז דיא גמרא (בבא מציעא פ"ד), רבי אלעזר זיין זוהן ליגט אויך אין דער מערה, ר' יוסי דעם זוהן פון ר' אלעזר האבען דיא רבנן אויך געוואלט לייגען אין דער מערה איז ניש מעגליך געוועזן א שלאנג האט ארומגענומען דיא עפנונג פון דער מערה אין האט קיין מענש ניש צו געלאזט, שפעטערע צייטען האט מען פערמויערט דיא עפנונג פון דער מערה, מהאט בעצייכענט פון דרויסען דיא ערטער פון דיא 2 קברים, ארום דער מערה זענען קברים פון אנדערע תנאים, יודען פלעגען תמיד געהען אויף דיא ציונים מתפלל זיין איבערהויפט דיא בעלי מקובלים וואס לערנען דעם זהר פון רבן שמעון בן יוחאי פלעגען קומען ל"ג בעומר אין ראש השנה צייט פלעגען זיך דארט פערווייל פיעל טעג מען פלעגט מאכען א געצעלט איבער דיא קברים אין דינגען בעוואפענטע גוים זאללען היטען דיא יודען, הרב ר' אברהם גאלאנטי איז געוועזן א עושר ער האט דאס ערשטע געבייא געבויעט איבער דיא קברים.

**ג.** היינט צו טאג געפונען זיך איבער דיא קברים גרויסע בנינים, א גרויסער חצר אויסגעבויעט, אין וועלכער עס געפינען זיך וואוננגען פיר ישיבה לייט פון דער ישיבת בר יוחאי, א אלטענהויז פאר זקנים וואס קומען זייערע יאהרען אויסלעבען אויף דעם הייליגען אהרט, דער בנין איבער דיא קברים איז 3 אבטיילונגען, אין דיא ערשטע זענען דיא ציונים פון דיא הייליגע קברים, דער ציון פון רבן שמעון איז בייא דער וואנט ער זעהט זיך אן אויך אויף דער אנדערע זייט וואנט וואו עס איז דיא צווייטע אבטיילונג א בית המדרש פיר אשכנזים וואו מלערנט אין מען צינד פיעל ליכט (דיא פרענקען צינדען ליכט אויף פיר אנדערע תנאים ואמוראים), אין דער מיט איז דאס קבר פון רבי אלעזר, פאר א קורצע צייט מיט א איינערנעב צוים ארומגענומען וואס א צדיק האט געשפענדעט, דיא 3 אבטיילונג איז א בית המדרש פאר ספרדים (פרענקען), אויף דעם דאך פון דיא בנינים זענען דא צימערען פיר געסט וואס קומען זיך דארט אויפהאלטען אויך זענען דארט דא אקעגען דיא ערטער פון דיא קברים הויכע זאהלען מיט בעקענם אין וועלכע מען גיסט עהל אין מען צינד ל"ג בעומר לכבוד דער יארצייט פון רבן שמעון בן יוחאי.

ד. דיא יארצייט פון רבן שמעון בן יוחאי אין מירון ווערד תמיד געהאלטען מיט גרויס פרייד מיט געזאנג אין טאנץ פון עהרליכע יודען וואס קומען אויף דעם הייליגען קבר מען לערנט דעם זהר פון דעם צדיק מען דאבנט דארט מיט גרויס כוונה דער נאָך מאכט מאן דיא שמחה, עס קומען דארט צוזאממען יודען פון נאָהנט אין ווייט, פרענקישע יודען קומען פון גאר ווייטע לענדער אויף דער יארצייט, פיעל ברענגען דיא יינגלעך וואס ווערען 3 יאהר אלט דאס ערסטע מאל אבצושעהרען דאָרט, מען מאכט לכבוד דעם א סעודה, ל״ג בעומר אבענד קומען צוזאם לומדים אין לערנען נאך מעריב דאבנען לערנט מען זהר, נאכדעם מאכט מען דיא »הדלקה« אויף דעם דאך אין דיא בעקענס וואס זענען פיל עהל, דיא הדלקה ווערט פערליציטירט אין ווערט פיר פיעל געלד פערקויפט, דיא צווייטע הדלקה איז שאָן ביליגער, לייט שפענדען קליידערשטיקע טייערע מוט זילבער בעהאָנגען מען לייגט אין בעקען אין מען צינד אן, אין וייל דאס איז אויף א בארג זעהט מען דיא פלאמען ווייט, דאס זעלבע מאכט מען אויך אויף רבי אלעזר׳ס קבר אין אויך אויף ר׳ יוחנן הסנדלר׳ס קבר וואס איז ניש ווייט פון דארט, א גאנצע נאכט אין א גאנצען טאג איז מען לוסטיג, עס איזט מקובל דאס דער וואונש פון הייליגען צדיק איז מזאל לוסטיג זיין אויף זיין יארצייט ער זעלבסט האט דאס אנגערופען זיין חתונה, מען פלעגט דארט פערשיעדענע נסים צו זעהען, דיא שמחה הייסט א שמחה של מצוה, לעצטערע צייטען קומען אויף ל״ג בעומר אהין דיא חפשים אין מאכען דאָרט א נאציאָנאַלע יום טוב מיט אונערלויבטע אונטערהאלטונגען, דאס איז ליידער ניש פאסיג אויף אזוי א הייליג אורט, זייא פערשטערען דעם צדיק דיא שמחה, זאָללען זייא זיך פיהרען וויא דער צדיק פערלאנגט דאנן זאָללען זייא קומען צו איהם זיך משמח צו זיין.

ה. וויא געזאגט איז דארט נאהנט דער קבר פון ר׳ יוחנן הסנדלר דער תנא, ער איז געווען א האנדווערקער א שוסטער ער פלעגט אויך אליין אויסארבייטען דיא פעל אין דיא הייל וואס געפינט זיך ניש ווייט פון זיין מערה פאָן דער הייל ווירד ערצעהלט וואונדערליכע זאכען, דער אייגענטימער פון דעם פעלד ווא דיא הייל געפונט זיך פלעגט דיא פרוכט דאָרט צו בעהאלטען, אין קיין גנב האט ניש געקענט גנבנען, אפשר האט ער גגנבת האט ער ניש געקענט ארויס פון דער הייל.

ו. דארט געפונט זיך אויך דיא מערה פון הלל הזקן א וואונדערליכע מערה אין שטיין אויסגעהאקט א גרויסער זאַל, אין דיא וועגד זענען אויסגעהאקט 6 געוועלבונגען אין וועלכע עס ליגען פער 4 ארונות אויס שטיין מיט צודעק אויס שטיין דאס זענען דיא קברים פון הלל מיט זיינע תלמידים, מען ערצעהלט וואונדער פון דער מערה אין פון דיא וואסער וואס געפינט זיך אין דיא אַרונות וועלכע מהאלט פאר סגולות אין רפואות, עס פלעגען צו קומען פיעל מענשען אין דער מערה, אין פיעל ליכט אנצינדען אין אזוי וויא א אשה נדה איז אַריין געקומען האבען זיך אללע ליכט אויסגעלאשען, פאר דער מערה געפונען זיך דיא קברים פון זייער שמשים.

ז. צו דרום זייט פון דער מערה איז אַ הויכער בארג דער הר תבור (שופטים ד׳).

דאָרט

דארט איז דיא מערה פון שמאי הזקן מיט זיין ווייב אין אגרויס געביי איבער דיא קברים, ניש וויט פון דאָרט איז דיא »מרתע הכהנים« אין נאך אַנדערע חורבות, בייא דיא חורבות געפונט זיך א פירעקיגער גרויסער שטיין וואס רופט זיך »כסא של אליהו« עס איז מקובל דאס פון דיעזער שטעללע וועט געהערט ווערען דורך אליהו הנביא דער שופר של משיח במהרה בימינו.

# קאפיטעל כ.

## יפו (יאפפא)

**א.** יפו איז א אלטע שטאדט אויף דעם ברעג פון ים התיכון, 64 קילאָמעטער וויט פון ירושלים, איז ערוועהנט אין תנ"ך (הושע י"ט ט"ו, יונה א' ג'), אין אלטער האַפען איז אין איהר, צו וועלכען עס קומען שיפען פון ווייטע לענדער, דיא גרויסע שיפען קענען ניש צוקאָמען ביז צום ברעג ווייל אין נאָהנט צום ברעג געפונען זיך גרויסע אין שפיציגע שטיינער וועלכע זענען א געפאהר פאר א גרויסע שיפף, דיא גרויסע שיפען בלייבען שטעהן וויט אין ים אין דיא פאסאשערען גייען אריין אין קליינע שיפלעך, אזוי אויך דוא געבראַכטע סחורות, אין דיע ברענגען צו צום ברעג, דער ים ביים ברעג אין יפו איז אימער אומרוהיג, ווען עס איז א ווינד קענען דיא קליינע שיפפלעך אויך ניש פערקעהרען, דיא רייזענדע מוזען ווארטען אויף א רוהיג וועטער, דיא יעצטיגע רעגירונג פלאנט צו בויען א גרויסען האַפען איז יפו, אזוי וויא זיא האט שוין געבויעט אין חיפה.

**ב.** יפו איז א האנדעלסשטאדט א גרויסע מיט א גרויסען פערקעהר, דיא אלטע שטאדט איז ביים באָרטען פון ים, זיא איז געבויעט וויא דיא איבעריגע מזרח שטעדט שמאלע אין קרימע געסלעך, טייל זאגען דאס יפו איז נאך געבויעט אין דיא צייטען פון נח, וועלכער איז דאָרט אויך בעגראבען.

**ג.** דער ברעג פון יפו איז דער נאָהנסטער צו ירושלים, ווען שלמה המלך האט געבויעט דאס בית המקדש האט איהם חירם דער קעניג פון צור געשיקט בוימער פון לבנון אויף דעם ים ביז יפו אין שלמה האט דיעזע דאן געבראכט קיין ירושלים, (דברי הימים ב' ט"ו) דאס זעלבע איז געוועזען ביים צווייטען בית המקדש (עזרא ג' ז'), אלטערטימליכע זאכען זענען היינט ניש צו געפינען אין יפו, חכמים פון תלמוד האבען געוואונט אין יפו, שפעטערע צייטען געפונען מיר ווייניג וואס פון יפו, פאַר 600 יאהר ערצעהלט אונס רבי יצחק חילו דאס ער האט געפונען אין יפו איין ישוב יודען מיט א שעהנע שוהל אין פיעל ספרי תורות א ישיבה מיט א ביבליאטעק, ער רוהמט יפו מיט איהר האנדעל, מיט 100 יאהר צוריק איז אין יפו גאר קיין יודישער ישוב ניש געוועזען, היינט צו טאג איז אין יפו א גרויסער יודישער ישוב כן ירבה, מיט פיעל שוהלען, בתי מדרשים, ישיבות אין אנדערע מוסדות, דער ישוב אין יפו האלט אין וואכסען, יפו האט א וואונדערשעהנע אין פריכטבארע אומגעבונג, זייער פיעל תבואות אין

פירות



בית הכנסת ישן במירון



קבר רבן שמעון בן יוחאי





חיפה



מערה בהר הכרמל

פירות וואכסען דאָרט, דיא היינטיגע עולים בעזעצען זיך פיעל אין יפו, פאַר 25 יאהר האבען דיא יודען פון יפו אין דער פארשטאדט געבויעט תל אביב וועלכע האט זיך ענטוויקעלט א גרויסע יודישע האנדעלשטאדט, זיא ציהט זיך ביז יפו אין זענען שוין ביידע וויא איין שטאדט אויף דעם ברעג פון ים, זיע האט פיעל איינוואונער (זיהע ווייטער), אללעס יודען, זיא בענויטיגט מעהר יודישע מוסדות אין »תלמוד תורה חדרים« וויא זיא פערמאגט, אין דאצו יראת שמים.

# קאפיטעל כא.

## חיפה

**א.** **חיפה** איז דעסגלייכען א אלטע שטאדט אויף דעם ברעג פון ים מיט א גרויסען האפען, עס קומען שיפען פון סיריען פון מצרים פון אנדערע לענדער פון גאָהנט אין ווייט, דאס היירגע יאהר תרצ"ד איז פארטיג אין בענייעט גע־וואָרען דער נייער האפען וואס איז געבויט אויף דעם ברעג פון ים, וואס דיא גרויסע שיפפען קעננען שאָן צו קומען ביז צום בּאָרטען, צום אלטען באָרטען האט מען נור מיט קליינע שיפפלעך אללעס צוגעפיהרט, דער פערקעהר אין חיפה ווערט דאדורך פיעל גרעסער, דיא היינטיגע עולים בעזעצען זיך פיעל אין חיפה, בויען פיעל הייזער בעשעפטיגען זיך מיט האנדעל אין פאבריקאציאָן, דיא שטאדט איז זייער שעהן, מיט איהר מאטעריעללעי צושטאנד קענן זיך חיפה בערוהמען, אבער דער יידישער גייסטיגער צושטאנד פאָדערט נאך פיעל אויסבעסערונג, ובפרט מיט קינדער ערציהונג אין גייסט פון תורה ויראת שמים.

**ב.** **דיא** שטאדט חיפה ציהט זיך ארויף ביז אויף דער הר הכרמל, דער הר הכרמל איז דער ברעג פון ים (ירמיה מ"ו), דיא אלטע שטאדט איז אויף דער עבנע נאָהנט צום ים, דיא נייע שטאדט איז געבויעט בארג אויף דאדורך ציינט זיא זיך פון ווייטען זעהר הערליך שעהן, דער הר הכרמל גופא איז זעהר רייך מיט גוטע פרוכטבארע פעלדער אין גערטנער, אין הייד פאר שאָפ, דיא לופט אויף דעם הר הכרמל איז לויטער אין ריין, זעהר געזונד, עס קומען פיעל לייט אויף זוממער פרישע, צו דעם צוועק האט מען שוין געבויעט פיעל הייזער, גערטנער שפאציערגענג פאר קראנקע אין שוואכע וועלכע קומען געניסען דיא גוטע לופט פון הר הכרמל, דער נביא (ישעיה ל"ה ב') רוהמט דעם הר הכרמל מיט זיין שעהנהייט.

**ג.** **חיפה** ווערט ערוועהנט פיעל אין תלמוד אין מדרשים, דיא בעלי תוספות פון פראנקרייך האבען זיך פיעל בעזעצט אין חיפה.

**ד.** **צו** מערב פון הר הכרמל געפונען זיך פיעל היילען (מערות) פון אלטע צייטען, איינע איז דאָרט דיא בערוהמטעסטע מערה, נעמליך מערת אליהו הנביא, א גרויסע הויכע ברייטע הייל, מיט שטיין אויסגעפלאסטערט, (וואַר־שיינליך האט מען דיא מערה אין שפעטערע צייטען פערגרעסערט אין שעהן גע־מאכט פון וועגען גרויסען כבוד פון אליהו הנביא), פיעל לייט קומען בעז־

כען

כען דיעזע מערה אין דאָרט מתפלל זיין, אין בעשטיממטע צייטען צינד מען דאָרט פיעל ליכט, מען גיעסט עהל אויף דעם פלאסטער אין מלייגט אריין קליידער וועלכע מען צינד לכבוד אליהו הנביא דאדורך זענען דיא וועגד אין דער באלקען פון דער מערה שווארץ פון רויך, עס איז אויספראָבירט אלבעקאנט בעשטימט דאס דער געפעהרליכסטער קראנקער פון משוגעת אז ער נעכטיגט דרייא נעכט אין דער מערה ווערט ער געזונד, דאדורך ווערען אהין געבראכט פיעל קראנקע, דאָרט געפונען זיך בעטען אין וויעגען פיר קינדער, דער אראבער וואס זיין געהער דער אורט ווא דיא מערה געפונט זיך היעט זיע אין לאסט נור אריין פיר בעצאָלדונג, אויך אנדערע פעלקער פערעהרען דיעזע מערה אין בעטן דאָרט, אבער א יוד וואָס קומט נור אויף דער שוועל פון דער מערה, ווערט איהם דאס הארץ שווין פיל מיט היילינער עמפפינדונג, מען דענקט דא איז געשטאנען דער גרויסער נביא וואס איז אין שטורם לעבענדיג איז היממעל אריין, דא האט זיך דיא שכינה צו איהם בעוויזען אלס ער איז אנטלויפען פון אחאב (מלכים א י״ד) דער איז דאס א ויף וועלכען מיר האָפפען ער זאָל אונס זאגען דיא בשורה פון אונזער גאולה שלימה במהרה.

**ה.** אויף דעם שפיץ פון הר הכרמל געפונט זיך א טורם וועלכער רופט זיך מר אליאס, אין דעם טורם איז דא א מערה אין וועלכער עס איז דער קבר פון נביא אלישע דער תלמיד פון אליהו הנביא, עס געפונען זיך אויף דעם הר הכרמל רעשטען פון דעם מזבח וואס אליהו הנביא האט געבויעט אין דאס פייער פון הימעל איז אויף איהם געניעדערט (מלכים א׳ ט״ו) ניש וויט פון דארט איז דער »נחל קישון« אין וועלכען אליהו הנביא האט אומגעבראכט דיא פאלשע נביאים וואס האבען געדיענט עבודה זרה, היינטצוטאג האבען דיא נוצרים מעהרערע קירכען אויף דעם הר הכרמל, דיא פיעלע יודישע קברים וואס זענען פון פארצייטען געוועזן אויף דעם הר הכרמל איז היינט מער ניש צו ערקענען.

# קאפיטעל כב.

## ישוב ארץ ישראל

**א.** ישוב ארץ ישראל דאס הייסט צו בעזעצען ארץ ישראל איז לויט רמב״ן איין מצוה פין תרי״ג מצות, אין אללע צייטען האבען יודען געטראכט צו בעזעצען ארץ ישראל אין דיא צייטען פון דיא דייטשלענדער קרייצציגע (ד׳ תתנ״ו 4856) זענען דיא יודען זעהר ווניג געבליבען אין ארץ ישראל, דער רמב״ן פאר גענוי 700 יאהר האָט געמאכט איין עליה מיט פיעל לייט, זייט דאמאלס זענען יודען תמיד געגאנגען וואונען קיין ארץ ישראל, טייל האבען זיך מפרנס געוועזן פין ארבייט און האנדל טייל האבען געלעבט פון אונטערשטיצונג פון דיא הויץ לאנד יודען, וואס מען פלעגט דורך משולחים איינצוקאסירען, שפעטער האבען זיך געגרינדעט דיא כוללים, יעדער קיבוץ האט א בעזונדער כולל וואס טיילט אוים דיא איינגעפלאסענע געלדער פאר זיינע אָרימע תלמידי חכמים, דאס זענען

דיא כוללים וואס עקסיסטירען היינט וואס דאס געלד פון דיא פושקעס פין צדקה לרבי מאיר בעל נס, אין דיא גרעססערע בעטרעגע פיר קרן קימת ווער עס ווילל שפענדען צום עוויגען אנדענקען אויף משניות לערנען אָדער אנדערא וואָהלטיגקייטען ווערדען געזאממעלט אין צום כולל געשיקט, פון דיזע געלדער ווערדען אויסגעהאלטען פיעל ארמע תלמידי חכמים אונד פערשיעדענע אינשטיטוציאָנען וויא ביקור חולים, הכנסת כלה, תלמיד תורה און נאך פיעל אנדערע, דיזעס רופט מען היינט »דער אלטער ישוב«, דער »נייער ישוב« ווערט גערופען דיא יעניגע וואס קומען קיין ארץ ישראל קויפען פעלדער גערטנער, ארבייטען פערשיעדענע ארבייט, ניש פון צדקה צו לעבען, לידער אבער דיא חפשים דיא פרייארענקערס ווילען פערשטויסען דעם אלטען ישוב, זייא בעטראכטען דיא תורה לערנערס פאר איבעריגע עלעמענטען, וועלכע שטעהען זייא אים וועג, זייא האבען פערוואנדעלט דיא רבי מאיר בעל נס פושקעס אויף אנדערע אין וועלכע עס ווערט געזאממעלט געלד בלויס צו זייערע צוועקען, אמת, צו בויען ארץ ישראל איז א מצוה, אבער ארץ ישראל אָהנע תורה קענען מיר זיך ניש פאָרשטעללען, מיר האבען שוין געהאבט ארץ ישראל, אללע מלכים האבען אונס געאכטעט אין וויל מיר האבען ניש געהאלטען דיא תורה זענען מיר פערטריבען געוואָרען, דיא תורה איז דיא נשמה פון יידישען פאָלק אין וויל ניש יעדער קען לערנען תורה איז א חיוב אויסצוהאלטען דיא תורה לערנער איבערהויפט דיא וואס זיטצען אין היילינען לאנד, לאָמיר זעהן אין ארץ ישראל איבערהויפט אין ירושלים וויעפיעל קלויסטערס אין גלחים פון אנדערע אמונות אָהן א שיעור עס געפינען זיך אין דיא וועלכע רייך אונטערשטיצט פון זייערע גלויבענס מענשען, אין לעבען מיט דעז גרעסטען כבוד אונזערע חפשים היינטיגען העטען געוואָלט א לאנד אין גאנצען אָהנע תורה אין אָהנע אמונה, פיעל פון זייערע פיהרער זענען שאָן געקאָממען צום בעקענען דאס מהעט געוועזען געברויכט דיא יוגענד יא אין גייסט פון תורה צו ערציהען.

ב. היינט צו טאג: איז דיא שטרעמונג צו דער עליה קיין ארץ ישראל זעהר גרויס, וויא אין פאָרוואָרט צו דיזען ספר ערוועהנט איזט, אונזערע גדולים וצדיקים זענען ניש איניג אין דער אנגעלעגענהייט, טייל זענען זעהר מסכים דאצו, אין פרייען זיך וויא מעהר יודען עס קומען אריין איז לאנד, טייל זעהען אין דעם איין התעוררות צו דער גאולה שלימה, טייל זענען ענטשיעדען געגנער פין דער עליה, ווייל לידער דיא הויפטלייטונג אין לאנד איז ווייט פון תורה אין יראת שמים, איבערהויפט קינדער ערציהען פאר אמת'ע יודען איז א שווערע אויפגאבע, אין שטארק ריזיקירט, מיר האבען קיין נביאים מיר האבען קיין רוח הקדש, וואס לאָזט זיך זאָגען א יודען וואס איז פערביטערט אין חוץ לארץ קיין אויסזיכט אויף פרנסה, אין טראכט אין ארץ ישראל פרנסה צו האבען פאהר ניש קיין ארץ ישראל וואָ אז מען ווילל קען מען א יוד זיין, דער הויפט איז מען זאָלל וועללען, מען מוס האבען »מסירת הנפש« מזאָל זיך דערוויטערן פון דיא חפשים, חלילה פון זייערע מעשים ניש לערנען, אדרבה אויפזוכען דיא אלטיודישע מוסדות פון דיא יראים והרדים אין זייא בייאהילפיג צו זיין אין אללע אַנגעלעגענהייטען.

ג. ראס.

**ג.** דאס דיא עליה קיין ארץ ישראל איז צום צוועק דאס לאנד מיט דער געוואלד צו צו נעהמען איז איינע איפפאסינג וואס איז ניש על פי התורה, אונזערע חכמים ז"ל האבען אונס דאס פערזאגט מיט א שבועה פון הקב"ה, מיט דראהונג פון שווערע שטראפע (זיעהע גמרא כתובות דף ק"י), יודען מוזען האבען אמונה, אין ביאת משיח, און מוזען שטרענג האלטען דיא תורה לויט וויא אונזערע אלטע מנהגים פיהרען אונס, אין אז יודען וועדען האלטען דיא תורה, וועדען זייא פון דיא שונאים זיין געשיצט, אין וועלען בלייבען אין לאנד ביז ביאת הגואל במהרה.

# קאפיטעל כג.

## דיא בעפעלקערונג פון ארץ ישראל

**א.** לויט שטאטיסטישע אויס ווייזע אין היינט דיא צאהל פאן דער בעפעלקערונג פאן ארץ ישראל 1'170·000 זעלען, פאן דיע זענען 250·000 יודען דאס הייסט 22 1/2% ארץ ישראל איז מעהר בעזעצט פון יודען וויא אללע לענדער אין »ירושלים« וואונען 100·000 זעלען, פין דיא זענען 60·000 יודען, אין »חיפה« 64·000 זעעלען, פון דיא זענען 26·000 יודען, אין »טבריא« 9·000 זעעלען פין דיא זענען 5·500 יודען, אין»יפו« 63·000 זעעלען, פון דיע זענען 14·000 ידען, אין »תל אביב« 90·000 זעעלען אללעס יודען אין »צפת« 10·000 זעלען פון דיע זענען 2·500 יודען, איז »חברון« 17550 זעלען אין שכם 17·050 זעעלען אין »לוד« 11·250 זעעלען, איז »רמלה« 10·400 זעעלען, אין »עכו« 7900 זעעלען.

**ב.** דיא איינטיילונג, אין דיא שטעדט וואינען 450·000 אין דיא דערפער 654·000 דיא בעדואינער וואס וואנדערן 60·000 זעלען.

**ג.** לויט דיא גלויבענס, מאכמאדאנער 815·000, קריסטען 105·000 דער רעשט איז יודען, השי"ת זאלל זייא מעהרען אין היטען פון דיא שונאים ביז ביאת המשיח במהרה בימינו אמן.